צווייטע
קאָנגרעס-נומער.

№ 37.

צווייטער יאָהרגאַנג

יודישע
פאָלקס-צייטונג

9 September 1903. פערלאַג „פאָלקס-בילדונג“ וואַרשא. י״ז אלול תרס״ג.

אינהאַלט: אונאנדאַ; N — די רוסישע פרעסע וועגען נייעס לאַנד. — דער זעקסטער קאָנגרעס. — נייעס פון דער וואָך: I וועלט נייעס; II יודישע נייעס. — .·. (שיר); א. רייזען. — ליטעראַטור און קונסט. — אַלערליי. —

יודישע פּרוויִנצוועלט: I אַלגעמיינע נייעס; II יודישע נייעס — מודעות.

פעליעטאָן: אין די וואַרמבעדער; שלום-עליכם.

„אַראַגאַ-גורסקי. ווארשא, לעשנא № 4

דאס איינציגסטע מיטעל צום אויסראטען נאַגניאַטקעס (הינער-אויגען) בראָדאַווקעס און פערהארטעטע הויט צור פרייז 30 קאפ' און 50 קאפ'. פארדערן איבעראל.

(129) 25—24

די אלעמען בעוואוסטע אלער בעסטע:

I מאַשינען צום פערפערטיגען אלערליי פרוכטען, יאגדעס, סעלעטרס, סאדע וואסער און אנדערע מינעראל-וואסער, לימאנאד, פערשיעדענע קוואסען, פראנצויזישע זידענדע געטרענקע און ווייִן: סידר, שאמפאניער, חערעס, שערי און אנדערע, צוגלייך אויך די בעשרייבונג און כלים דערצו, מיט וועלכע עס צו פערפערטיגען.

II סיפאָנען שען און שטארק לויט די פראנצויזישע סיסטעמע.

III דאמפף אפאראטען צום דעסטעלירען און איבערטרייבען.

VI פּאלשטענדיגע איינאָרדענונג צו אנשטאלטען אויף מאכען אלערליי סארטען וואסערן שטעלט צו די פאבריק פון מאשינען און דער פאבריטשנע סקלאד פון קארקעס די בעסטע עסענצען, עפירען און סאקעע א. ד. ג. און אויך אלע אנדערע זאכען, וואס עס געהערן און זענען נייטיג צו אלע פערפערטיגונג פון מינעראל-וואסער און לימאנאד.

244 5—2

ИППО и Ко. въ Варшавѣ, Грибная ул. собств. домъ № 15н.

דיא ערשטע און איינציגע

מעכאנישע פאבריק צו רעפארירען שוה-ווערק.

А. Гринштейнъ, Варшава, Новолипки № 58.

נעמט אן צו רעפארירען אלערליי שוה-ווערק, עס מאכט קיין אונטערשיעד נישט פון וואס פאר א גאטונג לעדער עס איז. דיא לאטעס ווערדען געקלעפּט מעכאניש, גאר אהן נעהטע און די רעפארירטע שוהע קומען ארויס ווי פון דער ניי, נישט צו דערקענען אויף זיי דעם מינדעסטען צייכען פון רעפארירען.

פראווינציער, וואס ווילען זיך עפענען אזא פאבריקעל, קען איך מיט זיי איינגעהן לויט בעשטימטע בעדינגונגען, ווי איך וועל ענטפערן יעדען, וואס וועט ארייִנשיקען א פאסט-מארקע פאר 7 קאפ.

דיא פאבריק איז יעצט איבערגעגאנגען אין מיין אייגענטהום און ווער עס וויל דארף זיך ווענדען נאר צו מיר

А. Гринштейну, Варшава, Новолипки № 58.

פיליאלען: I פראנצישקאנסקא 35 אין טויער. II טווארדא 22 וואהנונג 42 אין צווייטען הויף.

229 25—11

רעפאראציאן ווערט פערפערטיגט ווארטענדיג.

עס דרוקט זיך

דער זאַמעל-בוך „הילף“

די גאַנצע הכנסה פון זאַמעלבוך וועט גען פאַר די פאַראומגליקטע יודען אין קישינוב.

פּרייז 1 רובל מיט פּאָרטאָ.

רעדאַקציע „יודישע פאָלקסצייטונג“.

פערלאג „פאלקסבילדונג“.

ציוניסטישע ביבליאטהעק.

ג.

דער זעקסטער ציוניסטען קאנגרעס

פרייז 8 קאפ. מיט פארטא 10 ק.

ציוניסטישע אגודות און מויס בעקומען ראבאט.

Издат. „Тушія“, Варшава. — Verlag „Tuschijah“, Warschau.

י. שעקמאן ווארשא.

פאבריק פון זילבער 84 פראבע
(126) עט פלאטע־וואארען. 50 33

Я. ШЕКМАНЪ Варшава, Налевки № 20.

НУЖНЫ АГЕНТЫ 121 50—10

для сбыта издѣлій штемп. фабрикаціи и патент. предметовъ со значительн. прибылью. Первоклассн. производство. Не смѣшивать съ другими мелкими заведеніями. Рефлектанты благовол. указать родъ занятій и адр. Каталоги и условія безплатно. Конт. наров. типогр. и фабр. штемп. И. ЗИМАНЪ, г. Бѣлостокъ

אתרוגים לולבים והדסים

ליעפערט גוט אונד בילליג די אין דער גאנצער וועלט בעקאנטע פירמא

Hermann Rath, Triest
Oesterreich.

ביטטע אויספיהרליכע פרייזליסטע צו פערלאנגען.
(243) 6—3

אהוב את המלאכה!

אללע סארטען שפיגעל מאכען לערנט אויס גרינטליך, אויך דורך בריעפע

דער 25-יעהריגער פראקטיקאנט אין דיא שפיגעלפאבריקאציאן

Адресъ: Юдку Вейнбляту
Варшава, Слизкая 22.
(105) 25—21

אינטערעסאנט, שען און וויכטיג

איז דער בעריהמטער אדעסער

יודיש־רוסישער טעגליכער

אבריים־קאלענדאר

(ОТРЫВНОЙ КАЛЕНДАРЬ)

אויף דעם יאהר 1904 (תרס"ד־תרס"ה)

(צווייטער יאהרגאנג)

דער אינטערעסאנטער אבריים-קאלענדאר איז זעהר שען און רייך געדרוקט פון ביידע זייטען אויף פיין פאפיער אין א װאונדער שענעם ארדנונג מיט א פיין איליוסטרירט ווענטל אין זעכס שענע פארבען.

אינהאלט פון קאלענדאר:

1) יודיש־רוסיש־אויסלענדישער דאטום, (אין יודיש, רוסיש, דייטש, פראנצויזיש, און פויילישע שפראכע).
2) זונן־אויפגאנג־זונן־אונטערגאנג,
3) צייט פון ליכט בענשען,
4) ראש חודש בענשען, מולדות,
5) וויכטיגע היסטארישע בעשרייבונגען,
6) יאהרצייטען פון יודישע גרויסע מענער,
7) אפאריזמען (ערהאבענע געדאנקען) שטראף־רייד.
8) טיראזשען פון די באנק־בילעטען,
9) פלאטץ אויף בעמערקונגען, (для замѣтокъ)
אויף דער צווייטער זייטע קומט.
10) וואונדער־שענע אנעקדאטען,
11) וויכטיגעס פיר יודען, היסטארישע ערקלערונגען וועגען ימים טובים און תענתים,
12) וויסענשאפטליכע, אינטערעסאנטע און וויכטיגע ארטיקלען.

דאס ווערטע פובליקום וועט גאנץ איבערראשט זיין פון דיזען וואונדער־שענעם אינטערעסאנטען וויכטיגען אבריים-קאלענדאר.

פרייז 30 קאפ׳. מיט פארטא 40 קאפ׳.

4 קאלענדארען אויף איינמאל איז פארטא־פריי. — ווייניגער פון 10 קאלענדארען ווערען מיט פיין נאכנאהמע ניט געשיקט. — לסוחרים ראבאט הגון.

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ, Еврейская № 35.
Buchhandlung Gebrüder Bletnizky in Odessa (Russia).

(248) 15—1

בשורה נעימה!

צאת לאור ספר תולדות ישראל מציר!

ללמד את ילדי בני ישראל את ההיסטריה הבבלית עם קצור דברי ימי עמנו עד חתימת התלמוד, בשפת עבר על טהרת הקדש עם תרגום רוסי, מאת הבלשן הנודע המדקדק והמבאר הר׳ יצחק ווארשאווסקי, שרק ההיסטריה העברית הזאת לבדה מאשרת מטעם הממשלה בתור ספר למוד ההיסטריה הבבלית (УЧЕБНИКЪ по Библейской Исторіи) יצא לאור בתבנית מפוארת על נייר יפה ודפוס יפה נחמד למראה, עם ציורים רבים מהדרים ועם הוספות ותקונים והערות כרנלניות ובאוריות בשפת רוסיה מאת המחבר, למען אשר ימצאו בו תועלת רבה מבין עם תלמיד. ואף כי ההוצאה הזאת עלתה בדמים מרבים מאד, עכ"ז קצבנו את מחיר הספר רק 60 קאפ׳, עם פארטא 75 קאפ׳ וע"י נאכנאהמע 85 קאפ׳. לסוחרי ספרים ולבתי ספר רבאט הגון.

אדרעסע: 232 12—10

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ.

זיבערע היילף!

מ. פרייליך אין לעמבערג (גראדעצקא 35) אין גאליציען איזט איין ברוכארצט, ווי עס דערען ווענינע אויף גאטעס ערדבאדען גיבט. ער איזט איין היילער שווערער אונד שווערסטער פאללע, ערשפארט דען ארמען קראנקען בלוטיגע איינגריפע אונד שווערע שמערצהאפטע אפעראציאנען, די ניכט זעלטען דען אונערבימטליכען טאר הערבייפיהרען די קורען פרייליכ׳ס זינד וואהרע וואונדערקורען אינד ווען וויר דאס זאגען, זא וויל דאס פיעל זאגען, דא אונזערע לעזער וויססען, דאסס וויר ערנסטע פארשער זינד אונד דיעזעס ווארט דאהער ניכט מיסברויכען. וויר האבען פאללע געזעהען, די אונז שטוינען מאכטען, פאללע שוויריגסטער ארט, די 2 טאגע נאך דער רעפאנירונג דורך איינע געניאלע באנדאזשען-מעטהאדע אין ארדנונג געבראכט װאורדען. אונטער זאלכען אומשטענדען איזט די ערנעונג פרייליכ׳ס ניכט בלאס צום עהרען- זאנדערן זאגאר צום קארעספאנדירענדען-מיטגליעדע אונזערעס דייטש-איטאליענישען היגעניע-אינסטיטוטס אונד איסערדעם די פערלייהונג אונזערעס עהרענדיפלאמס פיר וויסענשאפטליכע פערדיענסטע גערעכטפערטיגט. וויר ווערדען פערנער אין דער פראכט-אויסגאבע אונזערעס ווערקעס „הערפאררא‍גענדע ארצטע דער געגענווארט" איין בעזאנדערעס קאפיטעל איבער דיעזען הערפאררא‍גענדען מאן מיט איללוסטראציאנען איניגער זיינער בעדייטענדען קורען ברינגען. (מיטטהיילונגען אויס דעם דייטש-איטאליענישען היגעניע אינסטיטוט אקטאבער 1902).

(246) 5—3

יודישע

פאלקס-צייטונג.

א וואכענבלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

אבאנאמענטס־פרייז פאר רוסלאנד:
יעהרליך 4 רובל, האלב־יעהרליך 2 רובל
פיערטעל־יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם": יעהרליך 5 רובל; האלב־יעהרליך 3 רובל, פיערטעל־יעהרליך 1.50 רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר' אויסצאהלען אין ראטען: ביים אויסשרייבען 2 רובל, דעם 1־טען אפריל 1 רובל, 1־טען יולי 1 רובל און דעם 1־טען אקטאבער די לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 20 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנצייגען):
פאר יעדער קליינע צייל, פעטיט 15 קאפ. 30 העלער, 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט 30 קאפ. 60 העלער, 80 פעניג.

די אדרעסע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія“ Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ“.
מינדליך: נאַלעווקי 7, וואהנונג 9.

די אדרעסע פאר עסטרייך־אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung“
Krakau, Sebastyangasse 32.

אבאנאמענטס־פרייז:
עסטרייך־אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב־יעהרליך . . . . . 5 „
פיערטעל־יעהרליך . . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם": יעהרליך 12.50 קראנען; 11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק.
האלב־יעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק 6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פיערטעליעהרליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30 שילינג; 7.29 פראנק.

ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ. 40 העלער.

9 September 1903. Nr. 37. י"ז אלול תרס"ג.

צו אונזערע געעהרטע אבאנענטען.

מיר דערמאנען די געעהרטע אבאנענטען, אז מיט

דעם נומער 39

ענדיגט זיך דער אבאנאמענט פון די וואס האבען אויסגעשריבען די פאלקס-צייטונג נאר אויף דריי פיערטעל יאהר און בעטען אין דער צייט אריינשיקען דעם אבאנאמענטס-פרייז אויף דעם לעצטען פיערטעל יאהר 1 רובל.

אויך דערמאנען מיר די יעהרליכע אבאנענטען, וואס האבען אויסגעשריבען די צייטונג צוזאמען מיט דער פרעמיע, 4 בענדער פון אלע שלום עליכמ'ס ווערק אויף ראטען, דארפען איצטער צושיקען

די לעצטע ראטע 1 רובל.

די ניט יעהרליכע אבאנענטען בעצאהלען פאר דער פרעמיע „4 בענדער פון שלום עליכמ'ס ווערק" 2 רובל, אדער 50 קאפ' פאר יעדען באנד מיט פארטא.

מיר בעטען די יעהרליכע און ניט יעהרליכע אבאנענטען אריינצושיקען דעם וויטערדיגען אבאנעמענטס־פרייז ניט שפעטער פון 1־טען אקטאבער, כדי מיר זאלען זיי קענען פינקטליך שיקען די וויטערדיגע נומערן.

די אדמיניסטראציע.

אנמערקונג: 1) מיר בעטען די אבאנענטען, אז ביים ארייגשיקען דאס געלד זאלען זיי מודיע זיין יעדער זיין נומער פון באנדעראל. 2) די „פרעמיע" אהן דער צייטונג פערקויפט זיך ניט.

אוגאנדא.

דער באזעלער קאנגרעס האט בעשלאסען דורך א גרויסע מעהרהייט פון די דעלעגאטען, צו שיקען א קאמיסיע אויסצופארשען דאס לאנד אוגאנדא אין אפריקא, כדי צו וויסען, אויב עס איז בכלל גוט דארט א יודישע קאלאניזאציע צו גרינדען און אויף וועלכע אופנים. די ענגלישע רעגירונג איז, ווי עס איז שוין לאנג בעקאנט, צו אונזער פאלק זעהר גוט און זי אליין לעגט אונז דאס דאזיגע לאנד פאר דארט א יודישע קאלאניזאציאן צו מאכען מיט איין איינענע רעגירונג. דעריבער געפינען מיר פאר נייטיג צו בעקענען די לעזער מיט דעם לאנד אוגאנדא. אגב וועלען מיר זיך אביסל בע־קענען מיט די געגענדען אין אפריקא, וועלכע גרענצען זיך מיט'ן אלטען מצרים און אראביע און צוגלייך אויך מיט אונזערע ברידער אין אביסיניע (כוש), וואס מען זאגט, אז זיי שטאמען אב פון די עשרת השבטים.

די צייטונג „דער פריינד" נומער 177 אין דער ביילאגע ז' 9 שרייבט וועגען די שרעקליכע דזומא־קראנקהייט (פעסט), וועלכע הערשט אין די הייסע זומפיגע געגענדען, און רעכענט אריין אויך די ברעגענדיגע אוגאנדא צווישען יענע שרעקליכע געגענדען. ווען דאס זאל אמת זיין איז דאס שוין גאנץ גענוג יעדען געדאנקען פון א יודישע קאלאניזאציע אין אזא לאנד מיט שוידער אבצושטויסען און דאס וואלט אויך געווען א ריכטיגער בעוויז, וואסערע דם־שונאים מיר

האבען אפילו אין דער רעגירונג פון דעם איידלען, געבילדעטען ענגלישען פאלק, אז מע וויל אונז גאר פשוט פארטיליגען, מע וויל אונז פארשיקען אין א לאנד, וואס איז אכלת יושביה, וואס די שווארצע פעסט טוידטעט אפט אויס גאנצע מחנות מענשען ווי די פליגען. — צום גליק אבער איז דער שד ניט אזוי שרעקליך ווי מע מאלט איהם אויס און דאס לאנד אוגאנדא, דארט וואו מע רעכענט מאכען א יודישע קאלאניזאציע איז באמת א סך בעסער און געזונטער ווי מע שטעלט זיך פאר לייענענדיג דעם געזאגטען ארטיקעל. יעדענפאלס דארף מען פאר א זאך ניט חאפען אבשרעקען איידער מע קוקט זי גלייך אין די אויגען אריין.

לאמיר זעהן, וואס איז דאס פאר א לאנד לויט ווי עס ווערד בעשריבען פון פיעל געלעהרנטע.

דאס לאנד אוגאנדא, וועלכעס איז זייט 1891 אונטער די הערשאפט פון ענגלאנד, ליגט סאמע אונטער דעם עקוואטאר (קו המשוה), וואס דארט ברענט אייגענטליך די זון זעהר שטארק, דאס דארף אבער גאר ניט אבשרעקען, ווייל די פיעל וואסערען, וועלכע בעפייכטען דאס לאנד פון אלע זייטען, מאכען דאס קלימא על פי רוב זעהר געמעסיגט און אנגענעהם. פון דרום זייט די גרויסע אזערא אוקערעווא אדער וויקטאריא־ניאנצא און דער טייך דאנא, פון מזרח דער גרויסער טייך וועבי דאאו, פון צפון די אזערא רודאלפא, פון מערב די אזערא'ס אלבערט ניאנצא און מוטאנציגע, און נאך פיעל אנדערע אזעראס און טייכען, וועלכע בעוועסערען דאס גאנצע לאנד, מאכען עס זעהר פרוכטבאר, אז מען רופט עס „די רייכע אוגאנדא“. איהרע גרענעצען זענען: אין צפון־זייט סודאן און אבעסיניע, אין מזרח דאס לאנד סאמאלי און זאנזיבאר, אין דרום דאס דייטשע לאנד אוניאמוועזי, אין מערב דאס גרויסע לאנד קאנגא. — דאס גאנצע לאנד פארנעמט 2700 קוואדראטנע מיילען מיט איין ערך פון א מיליאן איינוואהנער. דער טייל, וועלכער ליגט אין מערבית־צפונית פון דער אזערא וויקטאריא, איז איין אונגעזונטע געגענד, זי איז ערטערווייז מיט וואלד בעדעקט; אבער די פיעל טאלען צווישען די וועלדער זענען פייכט און זומפיג. דאגעגען אבער די מזרח'דיגע און די צפון'דיגע געגענדען זענען כמעט דורכאויס געבירגיג, טרוקען און געזונט. רייכע וועלדער און סטעפעס זענען דארט, וואו עס געפינען זיך פארשידענע חיות, ווילדע ציעגען, אנטילאפען, עלעפאנטען, אויך לייבען און לעמפערטען, פארשידענע טייערע פייגעל. די דורכשניטליכע טעמפעראטור (ווארעמקייט) איז 21½ גראד (די העכסטע 34, די נידריגסטע 2 גראד). א גרויסער טייל פון די איינוואהנער פון דעם דאזיגען לאנד זענען דורך די פראטעסטאנטישע און קאטוילישע מיסיאנערען פון ענגלאנד און פון פראנקרייך שוין זייט א לאנגע צייט געווארען קריסטען און 20,000 זענען מאחמעדאנער. זיי בעשעפטיגען זיך מיט ערדארבייט. זייערע לאנדעספראדוקטען זענען: באנאנען, קוקורוז, צוקער, קאפע, טאבאק, ריצינעס, דורא און אנדערע פראדוקטען. פון די באנאנען מאכען זיי איין ארט בראנפען (מוענגא). זייערע הויז־בהמות זענען: רינדער, שאף, ציעגען, היהנער, קעץ און הונט. זיי זענען גוטע האלצארבייטער און שמידען, זייערע כלי־זין זענען נאך פארצייטיגע שווערט און פייל און בויגען, אבער מע פיהרט זיי שוין אויך צו ביקסען פון זאנזיבאר. אויף דער אזערא וויקטאריא האבען זיי גאנצע פלאטען פון גרויסע, גוט אויסגעארבעטע לאדקעס. קליידער מאכען זיי פון קארע פון ביימער, פלעכטען אויך קערב און מאכען טעפ, זיי פארשטעהען אויך די לעדער־ארבייט.

די שכנים פון דעם לאנד זענען פון צפון־זייט די אראבישע שבטים פון סודאן, צווישען זיי אויך פיעל יודען. זיי בעטרייבען גרויסען האנדעל מיט מצרים און אראביע, זייט 1890 זענען זיי געקומען אונטער ענגליש־עגיפטישען שוץ. די איינוואהנער פון אבעסיניע זענען אייגענטליך די כושיים. אבער זיי רעכענען זיך פאר אונזערע נאהנטע קרובים און זענען זיך מיט אונז שטארק מיחס, דען

פעליעטאן.

אין די ווארמבעדער

(בילדער, טיפען, באגעגענישען, צרות און פארגניגען.)

פון

שלום־עליכם.

ז.

(צווישען יודען ווערד מען ניט פארפאלען. איין עצה פון א רעסטאראטאר. א קאמיסיאנער פון לאמפענגלעזער אונטערזוכט מיינע דאמען.)

„צווישען יודען, זאגט די וועלט ווערד מען ניט פארפאלען“... זאלט איהר טאקי וויסען, אז ס'איז אמת, וואס וואלטען מיר געטאן למשל, ווען מיר שלאגען זיך ניט צו צו קיין יודישען רעסטאראן, וואו דער רעסטאראטאר אליין איז אזוי פריינדליך און שלאגט זיך אן מיט זיינע עצות צו וואסער דאקטאר מיר זאלען געהן? ווי־דלונ די דייטשען מיט זייער שטומפיגע שווערע שפראך, וואלטען מיר זיך ארומגעדרעהט אין וויען ימים ושנים, וואס געהט דאס אן אשטייגער דעם שווייצאר פונ'ם האטעל, וואס מיר טהוען אין וויען? פון זיינטוועגען וואלטען מיר געמעגט דארטען האלטען ראש השנה און אפילו די אנדערע טעג סוכות, אבי מיר זאלען שטעהן ביי איהם אין זיין גרויסארטיגען האטעל, טרינקען די שענע טיי, וואס מע דערלאנגט אונז פונ'ם קעסעל און צאהלען איהם פאר איטליכען טרונק וואסער און פאר דער מאשינע, וואס מע הויבט אונז אויף און מע לאזט אונז אראפ 20 מאל א טאג, וואס מיין חיה עטיל איז דערפון ווינציג וואס צופריעדען, זי זאגט, אז עס דרעהט זיך איהר דער קאפ אויף צו חלשען, און די מומע נחמה פון אצעלעס האט דאס ערשטע מאל דערפון אזוי זיך צעשריגען, אז מיר זענען געווען שטארקער פון איזען, אז מיר האבען נישט געפלאצט פאר געלעכטער...

נישט אזוי איז אבער צווישען יודען, דער בעל־הבית פון דער יודישער רעסטאראציע האט אונז באלד גענומען אויפ'ן צימבעל: ווער זענען מיר? פון וואנען? וואוהין פאהרען מיר? וואס איז אונזער שלאפקייט? און צו וואסער פראפעסאר דארפען מיר? דערהערט, אז מיר פאהרען אין די ווארמבעדער און אנגעשמעקט, אז ס'איז פארהאן געלד, האט ער אונז אנידערגעלעגט א צעטעל, אז מיר מוזען זיך פריהער זעהען מיט'ן פראפעסאר, ווארום מיר קאנען ווערען אומגליקליך טאמער פאהרען מיר אין די ווארמבעדער אהן א פראפעסאר! בלייבט די קשיא: וואסער פראפעסאר? — דאס קאן אונז זאגען נאר דער דאקטאר, און וואסער דאקטאר? — דאס קאן אונז זאגען נאר דער שוואגער זיינער;

פון איין זייט זאגען זיי, אז זייער קעניג איז פון די זרע מלכי בית דוד און פון דער אנדערער זייט האבען זיי אלע אין זיך זעהר פיעל יודיש בלוט: ווען די מלכת שבא איז געוועזען אין ירושלים — אזוי דערצייהלט מען — זעהן און הערען די חכמה פון שלמה המלך, האט זי דארט מיט איהם אנגב חתונה געהאט. פון דער דאזיגער חתונה איז געבוירען געווארען א זוהן, וועלכען זי האט בעשטימט ער זאל זיין איהר טראנפאלגער (נאסלעדניק). אז ער איז אביסל אונטערגע־וואקסען האט זי איהם צוגעשיקט צום פאטער אין ירושלים, דארט איז ער זעהר גוט און שען ערצויגען געווארען, האט גוט געלערענט חכמת ישראל און די פיינסטע תכסיסי מלוכה, ביז צו זיין 22־סטען יאהר. ער האט דארט אויך חתונה געהאט מיט א טאכטער פון איינעם פון די סגני כהונה און דערנאך האט איהם זיין מוטער, די מלכת שבא, געשיקט רופען צוריק אין זיין לאנד, כדי איהם איבערצוגעבען די מלוכה נאך פאר איהר לעבען, און שלמה האט מיט איהם מיטגעשיקט יונגע מענשען יונגלעך און מיידלעך פון די מיוחסי ירושלים, אלע פון זיין אלטער, וועלכע האבען זיך טאקי מיט איהם צוזאמען דער־צויגען, און די אלע יונגע מענשען זענען טאקי דארט אין אביסיניע פארבליבען; זיי זענען געוועזען די שרי מלוכה און דעם קעניגס יועצים און פקידים און האבען זיך שפעטער פארמישט מיט די איבריגע בעפעלקערונג. דעריבער עקסיסטירט נאך עד היום ביי די אביסיניער פיעל יודישע נעמען, דער קעניג "מענעליק" (פון דעם ווארט מלך) טראגט אויך א קרוין, וועלכע שטאמט נאך פון דעם ערשטען קעניג (מענעליק) שלמה המלך'ס זוהן. זיין שטוהל איז נאכגעמאכט ריכטיג ווי דער שטוהל פון שלמה המלך, וואס אויף זיין נאמען איז ער זיך מיחס פון דור צו דור. די ארכיטעקטור פון דעם שטוהל איז אין זייערע היסטאריע בעשריבען ריכטיג ווי אין אונזער ספר מלכים, נאר אנשטאט דעם וואס שלמה המלכ'ס שטוהל איז געוועזען גע־מאכט פון גאלד, איז דיעזער פון זילבער פארגאלדעט.

די אביסיניער זענען גרויסע קריגסהעלדען. די גאנצע וועלט געדענקט נאך זייערע גרויסע גבורות און צוגלייך אויך זייערע איידעלקייט געגען די איטאליענער פאר 8 יאהרען, ווען די איטאליענער האבען געוואלט זיי צופיעל אין די ביינער ארייננקריכען. זייט דאמאלס זענען די אביסיניער געבליבען זעהר געשעצט אין דער וועלט און אלע אייראפייאישע רעגירונגען פארלאנגען זייערע פריינדשאפט. די אבעסיניער האבען אויך א סך יודישע מצות און מנהגים. צווישען זיי וואהנען א פיערטעל מיליאן יודען, וואס פאר עטליכע הונדערט יאהר האבען זיי געהאט דארט א יודישע מלוכה און האבען געהערשט איבער גאנץ אביסיניע.

ווייטער אביסל צו מזרח און מזרחית צפונית ליגט דאס לאנד סאמאלי, א געבירגיג לאנד מיט דער הויפטשטאדט מאקדישו. די איינוואהנער, אראבער און נעגער, זענען א ווילד ירינגעריש פאלק. אויך דארט וואהנען צעשפרייט יודען.

אין מזרח ליגט די סולטאנסטווא זאנזיבאר, וועלכע בע־שטעהט פון פיעל אינזלען און א שמאלען פאס ערד אויף דעם טייך דאנא און אויפ'ן מערב'דיגען ברעג פונ'ם אינדישען אקעאן, אלע צוזאמען טראגען דעם נאמען זאנזיבאר. די איינוואהנער זענען נעגער, וועלכע האבען פאר דריי הונדערט יאהר גערופען צו זיך אראבישע שייכען (קעניגע), זיי זאלען זיי שיצען פון די פארטוגיזען, וועלכע פלעגען זיי שטענדיג בעפאלען. דאס לאנד פארנעמט איין ערך פון 300 קוואדראטנע מיילען מיט 200 טויזענט איינוואהנער. זייערע הויפטשטעדט זענען מעלאנדא און מאמבאס. זיי מאכען גרויסען האנדעל מיט אייראפא, מיט עלעפאנט־ביין און אנדערע זאכען פון זייערע לאנד־פראדוקטען. דאס איז איין אביייטזאס און פרידליך פאלק.

אין מערב ליגט דאס גרויסע קעניגרייך קאנגא. עס פארנעמט כמעט די גאנצע געגענד וואו עס פליעסט דער טייך קאנגא. פון די אזעראס אוקערעווא און טאנגאנאיקי צו מערב צו ביז עס קומט צו מיט א שמאלען פאס ערד צום אלטלאנטישען אקעאן. עס פארנעמט

דער שוואגער זיינער איז אויסגעבונדען מיט אלע דאקטוירים, אויב מיר ווילען, זאלען מיר ווארטען אויף זיין שוואגער.

איז דאך מסתמא מיר די געשיכטע נישט געפעלען.

— אפשר וואלט געווען א סברא — זאג איך — מיר זאלען זיך דורכ־שלאגען גלייך צום פראפעסאר? מיר זענען חלילה נישט פון די מסוכנ'ע קראנקע, מיר זענען ברוך השם געזונטע מענשען אייגענטליך, מיר ווילען נאר וויסען אין וואסער באד מיר זאלען פאהרען.

— איהר מיינט א פנים, אז איהר זענט אין רוסלאנד? — מאכט דער רעסטאראטאר. איהר ווילט געהן גלייך צום פראפעסאר? געהט אייך געזונטערהייד, נאר זעהט איהר זאלט קיין חרטה ניט האבען!...

— דארפסט עפים אנארבייטען א חתונה! — מאכט צו מיר שטילער־הייד מיין חיה עטיל און די מומע נחמה האלט זי אונטער.

— וואס וועט דיך ארען, אז מיר וועלען פריהער זיין ביים פראפעסאר?

בקצור ס'איז געבליבען מיר זאלען זיך זעהן פריהער מיט'ן דאקטאר, דאס הייסט מיר זאלען געהן אהיים און ווארטען ביז עס וועט קומען צו אונז דער שוואגער פונ'ם רעסטאראטאר; נאכדעם וועט אונז דער שוואגער ברענגען דעם דאקטאר און דער דאקטאר וועט אונז שוין פיהרען צום פראפעסאר.

— געפעלט אייך נאר וויפיל פראטעקציעס מע בעדארף האבען אין וויען ביז מע דערשלאגט זיך צו צו א פראפעסאר!

— א גאנצען טאג זענען מיר אפגעזעסען אין האטעל און געווארט אויפ'ן רעסטאראטארס שוואגער, די זון האט שוין געהאלטען ביי זעצען זיך און מיר זענען געזעסען אלע דריי ביי איין פענסטער און געקוקט אויף דער טומעלדיגער שטאדט מיט די נארישע דייטשען, וואס דרע־העז זיך ארום הין און צוריק אלע אין צילינדערס... פלוצלינג הערען מיר עמיצער קלאפט אין טיר אריין: איינס צוויי דריי — און עס קומט אריין א דייטש מיט א טענדע־ווערענדע, מיט א צילינדער, מיט א גרויסען שטעקען, און מיט הענטשקעלעך, און חאטש ס'איז שוין געווען שטאק נאכט, מאכט ער צו אונז מיט א נגון.

— גוטען טאאאאאג!

אלע בייזע וויסטע חלומות אויף מיינע שונאים'ס קעפ, איך וועל מיר נאר א מעשה אנטאן! — רופט זיך אפ די מומע נחמה און מיר קאנען זיך ניט איינהאלטען און שיסען אוים א געלעכטער.

איז דאס דעם דייטש אפנים שטארק ניט געפעלען, ווארום ער האט זיך שטארק צעבייזערט אויף אונז, וואס מיר לאכען און געקלאפט מיט'ן שטעקען אין טיש אריין און אלץ געשריגען:

— אונפארשעמט!... רוסישע שווייגען!...

א פנים חזירים הייסט דאס?... ביז איך האב געמוזט אויפשטעהן

פינף און פיערציג טויזענט קוואדראטנע מיילען מיט פינף און דרייסיג מיליאן איינוואהנער. ביי די ברעגען פון דעם טייך קאנגא, וואו ער פאלט אריין אין ים, זענען דא צוויי זעהר שענע האפען (פארטען), וואו שיפען שטעלען זיך צו, באנאנא און באמא. דאס לאנד געהער צום בעלגישען קעניג.

אט אזוי זעהט אויס דאס לאנד אוגאנדא און איינינע פון איהרע נאהנטע לענדער און פעלקער. נאר די אויסגעקליבענע קאמיסיע אויף דעם היינטיגען קאנגרעס וועט נאטירליך אויפ'ן ארט אויספארשען דאס לאנד און וועט אונז בעקענען אויספיהרליכער און ריכטיגער מיט אלעם וואס געהער צום לאנד אוגאנדא.

N.

* * *

אין אנדערע קוועלען געפינען מיר א בעשרייבונג וועגען דעם לאנד:

דאס קלימא איז פייכט אבער פונדעסטוועגען געזונט. צווישען די דארטיגע איינוואהנער, וואס שטאמען פון די ווילדע שבטים באנטו, וואגאנדא און וואהומא, געפינען זיך שוין ביז 100,000 פראטעסטאנטען און 50,000 קאטאליקען. מאחמאדאנער זענען דארטען דא נישט מעהר ווי 20,000. דער האנדעל פון לאנד בעשטעהט אויס עלפענביין, גומי, סמאלע, קאפע און לעדער פון לייבען, לעמפערטען, ציעגען, אקסען און ווייסע אפען. דאס לאנד ווערד איינגעטיילט אין פינף פראווינצען: בוזירא מיט דער הויפטשטאדט מענגא, טשאגווע, בוטערא, זינגא און בודו. דער פארשטעהער פון דעם לאנד איז איין ענגלישער רעגירונגס־קאמיסאר מיט א חיל פון 1,500 מאן, אונטער איהם רעגירט דער דארטיגער קעניג אדער ווי ער הייסט ביי די איינוואהנער קאבאקא מיט איין ערשטען מיניסטער און מיט א סענאט, וואס געהט איבער בירושה פון איין דור צום אנדערען. די פראווינצען ווערען בעהערשט פון די דארטיגע הויפטלייט און די הערשאפט געהט אויך איבער בירושה. די בעלי בתים פון די ערד זענען די דארטיגע אדעל און די פויערען מוזען זיי טון אלע ארבייט. אין יאהר 1830, בשעת זונא דער צווייטער איז געוועזען קעניג אין אוגאנדא, זענען דארטען אנגעקומען די אראבער און זיך אנגעהויבען דארטען צו בעזעצען. אין יאהר 1860, ווען דער אכזר'דיגער מטעזא האט רעגירט, האבען די אייראפייער אנגעהויבען צו קומען אהין, און דאס לאנד איז בעזוכט געווארען פון די רייזענדער שפעק, לאנג, סטאנליי, עמין פאשא, ווילסאן און נאך אנדערע. אבער אין יאהר 1879, ווען עס זענען דארטען אנגעקומען פראנצויזישע און ענגלישע מיסיאנערען, האט דער קעניג פארבאטען צו לערנען די קריסטליכע אמונה און אין יאהר 1881 ביז 1883 זיך געפריווט דורך אויסהרג'נען א גרויסע צאהל קריסטען עס אין גאנצען פון זיין לאנד אויסצוראטען און זיין זוהן מוואנגא האט עס נאך שטרענגער אונטערדריקט און אין יאהר 1885 האט ער געווירקט אויף די אראבער זיי זאלען זיינע אונטערטאנען, וואס האבען אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, אויס הרג'נען אין איין אונגעהייער גרויסע צאהל און אויך דעם ענגלישען בישאף האנינגטאן האט ער געלאזט הרג'ענען. נאר אז זיינע גוואַרדיע, וועלכע ער האט געוואלט לאזען אויסהרג'ענען, האבען איהם פון זיין הויפטשטאדט ארויסגעיאגט, איז ער נאך אוקומבי אנטלאפען און דארטען האבען איהם די קאטוילישע מיסיאנערען אויפגענומען און ער האט דארטען אנגענומען דעם קאטאלישען גלויבען. די לייב-גוואַרדיע האט צוערשט אויסגעקליבען פאר א קעניג מוואנגאס ברודער קיוועוואַ, די מאחמאדאנער ווידער האבען געמאכט פאר א קעניג זיין צווייטען ברידער קארעמא. ער האט אבער די קריסטען נישט בעסער בעהאנדעלט ווי די פריהערדיגע קעניגע און דעריבער האבען די קריסטען ווידער אין יאהר 1889 מוואנגא צום קעניג גערופען און אין יאהר 1890 האט ער אלע זיינע פיינד ביי רובאגא איינגענומען און אויסגע'הרג'עט. אין יאהר 1890 האט מוואנגא געשלאסען א בונד מיט לוגארד דעם פערטרעטער פון דער ענגלישען מזרח־אפריקאנישען געזעלשאפט. אין יאהר 1892 איז אויס־

און צוגעהן צו איהם און געבען איהם צופארשטעהן, אז ניט פון איהם לאכען מיר, נאר פון דער מומע נחמה.

— זי איזט פארריקט? — מאכט ער צו מיר און גיט מיר צו פארשטעהן אויף יודיש, אז דאס הייסט משוגע. פונ'ם ווארט „משוגע" פארשטעהן מיר, אז ער איז א יוד און איך ווער געוואהר, אז ער איז דעם רעסטאראטארס שוואגער און ס'איז נאר א סברא, אז ער קאן רעדען אויף אונזער לשון, און עס ווערד אויף אונז אלעמען א שמחה. גיך ווערד בעשאפען טיי (פונ'ם קעסל געוויינטליך) און מיר טרייטען צו צו אונזער געשעפט.

— אלזא וואס איז זייער שלאפקייט? — צעפרעגט ער זיך ביי אונז.

וואס קאנען מיר איהם זאגען דערויף, אז איינענטליך ווייסען מיר אליין ניט? איך פרוב איהם געפינען א תירוץ, אז איהם קאנען מיר ניט זאגען, מיר קאנען דאס זאגען נאר דעם פראפעסאר אליין; לאזט ער זיך ניט איינרעדען און זאגט, אז פראפעסארען זענען פארהאן אין וויען וויפיעל שטערען איז הימעל (קיין עין הרע ניט!) און אויף איטליכס שלאפקייט איז פארהאן א בעזונדערער פראפעסאר. „וואס טוט מען? — קלער איך מיר — וואס פאר א שלאפקייט זאל איך איהם אויסטראכטען?"... בין איך מיך מישב און דרעה זיך אוים ווי אויף א טעלער און זאג איהם דעם ריינעם ריכטיגען אמת, אז איך בין געזונט און שטארק אויף אלע איברים, און די שלאפע זענען זיי, איך ווייז איהם אן אויף מיין חיה עטלין מיט דער מומע נחמה און לאז אוים אויף דייטש:

— האבען זיי פארשטאנד"?

— זעהר שען — מאכט ער צו מיר מיט א שטרענגען קוק און רופט זיך אן צו מיינע דאמען — זאגט זשע מיר, איך בעט אייך זעהר, וואס פעהלט אייך איינענטליך?

— אוי, איך וועל מיר נאר א מעשה אנטאן, לאז ער ארויסגעהן! — מאכט די מומע נחמה צו מיין חיה עטלין און מע משלח'ט מיך ארוים אין קארידאר ארוים אויף עטליכע מינוט, און אז איך קום אריין, צוריק, ווער איך געוואהרע, אז דער פראפעסאר הייסט רויטנאגעל און דער דאקטאר הייסט זילבערשטערען.

— און וואס זענט איהר? — פרעג איך איהם.

— א קאמיסיאנער פון לאמפענגלעזער און אבאזשורען — מאכט ער גאנץ קאלט־בלוטיג.

— וואס סע האט זיך מיר געחלומ'ט יענע נאכט און היינטיגע נאכט און א־ע נעכט פון א גאנץ יאהר, איך וועל מיר נאר א מעשה אנטאן! — זאגט די מומע נחמה און טוט א פליעסק מיט די הענט, און מיין חיה עטיל ווערד רויט ווי פייער און אויף מיר פאלט אן א פרישער געלעכטער, און בכדי דער קאמיסיאנער פון לאמפענגלעזער און אבאזשורען זאל זיך ניט געפינען באליידיגט, געפין איך א תירוץ

געבראכען אמלחמה צווישען די דארטיגע קאטאליקען און פראטעסטאנטען, לוגארד אבער האט צווישען זיי שלום געמאכט און מוואנגא האט אנגענומען דעם פראטעסטאנטישען גלויבען. אין יאהר 1894 אלס די ענגלישע מזרח-אפריקאנישע געזעלשאפט איז געוועזען אין א גרויסע געלד-פערלעגענהייט, האט די ענגלישע רעגירונג איבערגענומען די הערשאפט איבער אוגאנדא.

די רוסישע פרעסע וועגען נייעם לאנד.

דער „נאוואסטי" אין זיין ארטיקעל „יודישע מלוכה" (Nr. 224) בעהאנדעלט דעם פראיעקט פון דער ענגלישער רעגירונג: אוועקצוגעבען יודען אויטאנאמישע רעכטען אין א שטיק לאנד פון מזרח-אפריקא.

צו דעם גרויסמוטיגען פארשלאג האט געבראכט די ענגלישע רעגירונג — זאגט די צייטונג — די גרויסע איינוואנדערונג פון יודען אין לאנדאן, וועלכע וועט זיך געוויס פארגרעסערען נאך דעם קישינובער פאגראם.

מען מוז מודה זיין, אז ענגלאנד, די זעלבע ענגלאנד, וועלכע מען ווארפט אויף מיט איהרע „אכזריות", „פאלשקייט", א. ד. ג. — בעווייזט זיך שטענדיג אין גרויסע היסטארישע מאמענטען, וואס פאדערן בעפרייאונג — ווי א גרויסע געבילדעטע און מענשענפריינדליכע מלוכה.

אנערקענענדיג, אז מען קאן דאך אייביג ניט נאר שפיעלען זיך מיט ווערטער וועגען די אומזיסטיגע רדיפות פון דעם יודישען פאלק, אז מיט בעגרענצען זייערע רעכטען קאן מען קיין נוצען נישט ברענגען די קריסטליכע מלוכות, און מען בעשאפט נאר דורך דעם א מורא'דיג גרויסען יודישען פראלעטאריאט — שנייד ענגלאנד פארנאנדער דעם קניפעל און זאגט: „לאזט נאר איינארדענען די אומגליקליכע מענשען, וואס הענגען אין די לופטען צווישען הימעל און ערד און מוזען זיצען ביי אונז אויפ'ן האלז, אלע פעלקער האבען א באדען און טער די פיס — פאר וואס זאלען עס יודען אויך ניט האבען? א טייל מלוכות האבען דאך א צוגעקומענע אדער איין איבעריגע שטיקל לאנד — לאמיר זיי אבגעבען דעם וואס מיר דארפען נישט, און דאס וועט זיין א טובה אי פאר זיי, אי פאר אונז". „איך ענגלאנד, די ערשטע טו עס. איך גיב זיי אב א טייל פון מיינע ערד אין אפריקא. זאלען אויך אנדערע עס נאכטון".

דער „נאוואסטי" דערמאנט, אז ער האט שוין לאנג אנגעוויזען אויף „אפריקא", ווי אויף איין ארט, וואו יודען וואלטען זיך קאנען בעזעצען. ער דערמאנט ווייטער:

„מיר האבען אויך פארגעלעגט א זאך, וואס וואלט לוינען פאר אונזער מדינה: מען זאל בעזעצען יודען אין מאנדזשוריע אויף אויטאנאמישע רעכטען. מאנדזשוריע איז ניט אונזער טעריטאריום און מיט די חינעזער אין דעם הינזיכט קאן מען זיך בעסער צונויפרעדען ווי מיט די טערקיי און פאר א בעוואוסטע בעלוינונג וואלטען זיי אבגעגעבען א טייל פון זייערע ערד.

„צו האבען דערביי נעבען אונז א קולטורעלע יודישע בעפעלקערונג איז פיעל גלייכער פאר רוסלאנד ווי צו האבען פאר שכנים די ווילדע און די הונגעריגע חינעזער. מיר האבען אויך פארגעלעגט צו דעם צוועק די מיטעל-אזיע, וואס גיט נאך קיין סימן פון לעבען, פון פראגרעס. נאר ביי אונז האלט מען זיך ביי א פארקעהרטע פאליטיק: מען היט די גרויסע וויסטעניש פון סיביר, מיטעל-אזיע און מאנדזשוריע פון די לעבעדיגע סוחר'ישע מענשען".

די רוסישע ציוניסטען אבער האבען פראטעסטירט געגען דעם ענגלישען פראיעקט. און מיר מוזען מודה זיין, אז עס איז אונז ניט פארשטענדליך.

גאנץ גוט, די ציוניסטען טראכטען טאקי מכח פאלעסטינא — דאס איז גאנץ שען. נאר דער סולטאן וויל דאך פארלייפיג נישט, און מיר צווייפלען אויב ער וועט אזוי גיך מסכים זיין. וואס ארט עס די זעלבע ציוניסטען, ווען עס וועט זיך גרינדען א יודישע מדינה אין

און זאג, אז איך האב מיך דערמאנט א מעשה, וואס האט זיך געטראפען ביי אונז אין יעהופעץ נאך פאר א יאהרען און איך לאז אויס ווידער אויף דייטש:

— האבען זיי „פארשטאנד"?

— צי איך האב פארשטאנד צי ניין דאס איז קיין ספק ניט, נאר צי איהר האט פארשטאנד — „דאס איז איינע פראגע"! — מאכט ער צו מיר אויך אויף דייטש, נעמט די טענדע־ווערענדע מיט'ן שטעקען מיט'ן צילינדער און געהט אוועק שטארק אנגעברוגז'ט, און צווישען אונז פיהל איך ווערד א שנאה, שנאת מות!

ח.

דער פראפעסאר רויטנאגעל וויל אונז צעשיידען. מיר צעקריעגען זיך מיט וויען. די מומע נחמה ווייזט זיך ארויס ווער זי איז.

נרינגער איז ביי אונז איינגעבען א קינד אין נימנאזיע אדער ארויסנעמען פונ'ם פריזיז, ווי איידער זעהן זיך אין וויען מימ'ן פראפעסאר רויטנאגעל. פריהער האט אונז דער דאקטאר זילבערשטערן געטאן טובות, געגעבען עצות, געשריבען רעצעפטען, אי דאס צוליב דעם קאמיסיאנער פון די לאמפענגלעזער און אבאזשורען, וואס האט אונז געטאן צוליב זיין שוואגער דעם רעסטאראטאר, און ערשט אויפ'ן דריטען טאג האבען מיר זיך דערשלאגען צום פראפעסאר רויטנאגעל, וואס איז געוועזען אזוי פריינדליך און האט אונז צוגענומען איטליכען בעזונדער און האט אונז פארשריבען איטליכען איין אנדער באד. מיין היה עטלין האט ער אפגעשיקט קיין פראנצענסבאר, די מומע נחמה קיין מאריענבאד און מיך קיין קארלסבאד!

ארויס פונ'ם פראפעסאר רויטנאגעל זענען מיר געבליבען שטעהן אלע דריי, געקוקט איינס אויף דאס אנדערע אהן ווערטער, ווי איינער רעדט: „וואס טוט מען איצטער?" און ס'איז געבליבען מיר זאלען זיך איין עצה האלטען מיט'ן דאקטאר זילבערשטערן און אזוי ווי דער דאקטאר זילבערשטערן נעמט איצטער נישט צו, בעדארף מען אנקומען צום קאמיסיאנער פון לאמפענגלעזער און אבאזשורען, נאר אזוי ווי מיר ווייסען ניט וואו ער זיצט, איז געבליבען מיר זאלען זיך דורכגעהן צום רעסטאראטאר.

— נו, וואס הערט זיך? — מאכט ער צו אונז.

— וואס זאל זיך הערען? — זאגען מיר, אי'ער שוואגער האט אונז געקוילעט, אלע דריי געקוילעט!

און מיר האבען דערציילט, אז דער פראפעסאר האט אונז געשיקט איטליכען בעזונדער אין איין אנדער באד.

— דאס איז נאר? נו, וואס ושע איז? — זאגט זיך דער רעסטאראטאר גאנץ קאלט-בלוטיג.

— א חכם איהר זייט — מאכט צו איהם חיה עטיל — דערויף בין

אפריקא? יודען דארפען פריהער פאר אלץ האבען איין ארט, וואו עס זאלען זיך קאנען פריי בעזעצען די טיילען פון יודישען פאלק, וואס מוזען פון נויט עמיגרירען פון פארשידענע לענדער — און די אויטאָנאמישע אפריקאנישע קאלאניע איז אזא ארט פאר זיי. וועגען ציון — וועט מען דאך קאנען אויך שפעטער טון.

דער „פעטערסבורגסקי־וועדאמאסטי" איז זעהר צופרידען פון דער ידיעה, אז די רוסישע רעגירונג האט צוגעזאגט ד"ר הערצלען ניט נאר ניט צושטערען די שטרעבונג צו גרינדען אין פלשתינא א יודישע מלוכה, נאר אויך זאגאר מיטצוהעלפען דורך א דיפלאמאטישע ווירקונג אויף טערקיי און מיט געלד פאר די עמיגראנטען. די צייטונג זעהט אין דעם א צייכען, אז די רעגירונג וויל איצטער אננעמען איין אנדער פאליטיק. א פאליטיק פון שלום און פרידען פון ביידע צדדים. און אויפהערען די סיסטעמע פון בעגרענצען די רעכטען, פון וועלכע עס קומט ארויס גאנץ ווייניג נוצען פאר דער רעגירונג, ווייל דאס רופט ארויס אונצופרידענהייט פון דעם גרויסען טייל יודישע בעפעלקערונג.

— אזוי ווי די לאגע פון א פרעמדען אין א פאמיליע, זאגט די צייטונג, קאן פארבעסערט ווערען נאר דורך א גוטע בעהאנדלונג, וועלכע בינדט איהם פעסטער אן אן די פאמיליע ביז ער ווערד כמעט ווי איין איינענער — אזוי דארף זיך נוהג זיין א מלוכה אויך צו איהרע שטיף־קינדער.

דער „פעטערסבורגסקי־וועדאמאסטי" האלט זיך שוין ביין געזעגענען מיט אונז און דרוקט אויס זיין האפנונג, אז האבענדיג אונזער אייגענע מלוכה און פאטערלאנד וועלען די רוסישע יודען נאך לאנג געדענקען מיט דאנקבארקייט דאס לאנד, וואס האט זיי אויסגעהאלטען א גרויסע צייט, און צוזאמען מיט דעם פארגעסען די בעליידיגונגען פון ביידע צדדים, וועלען די רוסען קאנען פארבינדען ברידערשאפט מיט דעם פאלק, וואס זיינע פארשטעהער ווערען פון אונז אנגענומען פאר גוטע געסט, אבער ניט ווי שטענדיגע איינוואהנער.

דער זעקסטער קאנגרעס.

פון אונזערען שפעציאל־קארעספאנדענט.

די פיערטע זיצונג.

מאנטאג דריי א זייגער נאכמיטאג.

פרעזידענט ד"ר נארדוי מעלדעט איינעגע ידיעות.

ד"ר יאקאבזאהן פארלאנגט מען זאל ראזענבוימען, ד"ר קלעע און ד"ר סירקין לאזען זייערע רעדעס אין גאנצען ענדיגען. עס ווערד אנגענומען.

ה' פינעלעס פון גאלאץ (רומעניע) מעלדעט, אז דער ציוניזם אין רומעניע ווערד פארגרעסערט, די צאהל פון די שקלים־צאהלער אלץ מעהר און אויך ווערד דארטען פארקויפט אקציעס פון קאלאניאל־באנק און מארקעס פון נאציאנאל־פאנד אין א היבשען צאהל.

ד"ר פאסמאניק בעשולדיגט טריטש'ען מיט נאסיג פאר זייער שטרענגע קריטיק. ער זאגט, אז מענשען, וואס זענען נאר צוליב דעם ציוניזם געקומען צו א נאמען, קענען נישט זאגען די אנפיהרער טויגען נישט, לאזט אונז וועלען מיר בעסער פיהרען. וואו זענען זיי געוועזען פאר דעם, איידער הערצל איז געקומען און האט זיך אונטערגענומען אזא שווערע ארבייט. אמת קריטיק איז זעהר נייטיג אבער נישט אזוינע ווי נאסיג און טריטש'עס, ווייל זייער צוועק איז צו שטערען די אחדות, וואס הערשט ביי אונז.

דער רעדנער לעגט פאר בנוגע צו דער פראגע אין מזרח-אפריקא, מען זאל אויסקלויבען א גרויסע קאמיסיע. וועלכע זאל די פראגע בעהאנדלען. ער ווארפט פאר דעם קליינעס אקציאנס-קאמיטעט, פאר וואס ער האט גאר נישט אנגעפרעגט דעם גרויסען אקציאנס-קאמיטע און נישט מודיע געוועזען וועגען מזרח-אפריקא.

ד"ר שלאפאשניקאוו פרעגט, פאר וואס האט דער אקציאנס קאמיטע אוועקגעלאזט ועד על אריש און אנגענומען מזרח-אפריקא.

איך געקומען אהער מיט מיין מאן מע זאל אונז צעשיידען, מיך קיין ליסי, איהם קיין סטריסי!

— בערוהיגען זיי זיך, מאדאם — מאכט ער צו איהר — פון פראנצענסבאד קיין קארלסבאד איז גאר ניט אזא ווייטע שטרעקע; צוויי דריי שטונדען רייזע, נישט מעהר. ווילט איהר פאהרט איהר זיך דורך צו אייער מאן; ווילט איהר פאהרט זיך דורך אייער מאן צו אייך.

— א דאנק אייך פאר דער עצה; — זאגט צו איהם חיה עטיל שוין מיט כעס — איהר זאלט דערלעבען אנזאגען בעסערע בשורות און געבען קלוגערע עצות.

— דארט אין קעך ביי די לאקשען! — לעגט צו א קנייטעל די מומע נחמה און דער רעסטאראטאר איז זי רעכט מכבד און זאגט צו איהר, אז „מיט מארקוויבער איז ער קיין מחותן נישט"... פארדריסט דאס מיין חיה עטלין, און זי זאגט צו איהם, אז „די דאזיגע מארקוידינע איז איהרע איין איינענע מומע און קומט ארויס פון אסך א שענערען יחוס ווי ער מיט זיין רעסטאראן און אפילו מיט דעם שענעם שוואגער זיינעם, וואס טראגט ארום לאמפענגלעזלעך איבער די הייזער מיט אבאזשורען אויף צו פארקויפען"...

— קום! — זאגט זי צו מיר — לאמיר בעסער עסען לייזע אייער, איידער זיך באגעגענען מיט אזעלכע גראבע לייט, וואס רעדען כלומר'שט אויף דייטש און נארען אויס אונזערע רוסישע קערבלעך.

די גאנצע צייט וואס מיין חיה עטיל האט איהם געזידעלט האט איהם נישט געארט; נאר די לעצטע ווערטער „רוס'שע קערבלעך" האבען איהם אזוי צעקאכט, אז ער האט זיך אנגעצינדען מיט א העליש פייער, אנגעפאלען אויף אונז ווי א ווילדע חיה, געוועזען גרייט אונז דורס זיין — וואס טויג אייך, מיר זענען פונ'ם רעסטאראן קוים ארויס מיט'ן לעבען און מע האט אונז ארויסגעפאלייטשען, מיט כבוד, נאכגעשריגען אויף דער גאס און געמאכט מיט קולאקעס: — רוסישע שוויינען! רוסישע שוויינען!

נאר דאס בעסטע האבען מיר געהאט דערנאך, שפעטער, אינ'ם האטעל. דארט האבען מיר געהאט א פארבייסונג פונ'ם שוואגער זיינעם. דער קאמיסיאנער פון לאמפענגלעזער און אבאזשורען האט אנגעקלאפט צו אונז אין דער טיר אריין, אריינגעקומען מיט נאך איינעם א דייטש, אויך מיט א צילינדער, נאר אהן א טענדע־ווערענדע און האט אונז געפרעגט „אויף וואס פאר איין אופן האבען מיר זיך ערלויבט איהם צו בעליידיגען אונטער די אויגען?"... בשעת מעשה האט ער געקלאפט מיט'ן שטעקען און טיש אריין און איז געווען אזוי רויט, אז איך האב מיך דערשראקען, אנגעהייבען מורא האבען פאר קלעפ, א קשיא אויף א מעשה, וואס א דייטש קאן ביי זיך אין וויען?

נישט אזוי האט אבער באקלערט די זאך די מומע נחמה פון אצעלעס. זי האט זיך אפנים ווינציג וואס איבער געשראקען פאר'ן

ליליען איז אויך נישט צופריעדען מיט דעם אקציאנס-קאמי־טע, ער זאגט, אז ער האלט זיך נישט אן דעם באזעלער פראגראם. אין דעם לעצטען נומער „וועלט" פעהלט די ווערטער: „אין פאלעסטינא" וועלכער געהער צום באזעלער פראגראם און איצט האט מען עס ארויסגעווארפען, ד"ר נארדוי ערלויבט די אונגארישע יודען צו ווערען ציוניסטען נישט לויט דעם באזעלער פראגראם נאך, אין פראגראם שטעהט פאלעסטינא און די נאהנטע לענדער און איצט רעדט מען גאר פון מזרח־אפריקא. צולעצט בשעת ליליען זאגט, אז ווען ד"ר הערצל זאל זיך אפזאגען פון צו זיין פרעזידענט פון אקציאנס-קאמיטע ווייסט ער נישט ווער עס קאן די שטעלע איבערנעמען, ווערד א געלעכטער און מען לאזט איהם מעהר נישט רעדען.

ה' שפ"ר זאגט אויך, אז האטש ער אכטעט זעהר די חברים פון דעם אקציאנס-קאמיטע פונדעסטוועגען מעג מען זיי קריטיקירען. וועגען ועד על אריש געפינט ער, אז די עקספעדיציע האט גאר קיין נייעס נישט אויפגעטאן, ווייל דאס אייגענע געפינט מען אין יעדען לעקסיקאן און עס איז אין גאנצען איבריג געוועזען צו שיקען איין עקס־פעדיציע וועגען דעם. וועגען מזרח-אפריקא זאגט ער, האבען מיר קיין רעכט נישט דא צו פארהאנדלען, ווייל די וואס האבען אונז אויס־געקליבען פאר דעלעגירטע האבען אונז געשיקט צו פארהאנדלען גאר וועגען ציון.

ה' חזן קריטיקירט די אנפיהרער וועגען עפים אנדערש, ער איז נישט צופריעדען, וואס מען נעמט צו פאר דעלעגאטען אזוינע מענשען, וואס האלטען זיך נישט אן דער באזעלער פראגראמע, ווי ה' טריטש און זיינע חברים.

ד"ר נאבעל, א דייטשער רב, געהער צו דער פארטיי מזרחי מיט א יארמאלקע אויפ'ן קאפ. מאכט אויפמערקזאם דערויף, וואס מען מאכט דעם קאנגרעס פאר איין ארט זיך צו רעכענען פריוואט־חשבונות, ער זאגט, אז אויב עס וועט מקוים ווערען ליליען'ס ווערטער, אז דער

אקציאנס-קאמיטע וועט פארהאנדלען וועגען קולטורע וועט עס אודאי זיין נאך דעם יודישען גייסט.

ד"ר וייצמאן פרעגט אויב דער אקציאנס-קאמיטע האט זיך באמת שוין אין גאנצען אבגעזאגט פון ועד על אריש אדער מען האט עס נאר אויף דערווייל אבגעלעגט. ער וואונדערט זיך ווי האט מען דאס אזא וויכטיגע פראגע אזוי לייכט אפגע'פטר'ט. ווייטער ווארפט דער רעדנער פאר דעם ד"ר הערצל, אז ער איז נישט גענוג פארזיכטיג אין זיינע מיינונגען וועגען די היינטיגע ציוניסטישע ארבייט, וואס ער האט ארויסגעזאגט אין א געוויסען ארט.

ד"ר אוסישקין... ד"ר אוווינאוויצקי שטעלט זיך רעדען, דער עולם בעגע־גענט איהם מיט א גרויסען אפלאדיסמענט. ער זאגט, אז נישט דעם ד"ר הערצל מיט די חברים פון אקציאנס־קאמיטע דארף מען קריטי־קירען, נאר די רוסישע מורשים, וועלכע האבען מיט זייערע מעלדונגען צום צענטראלנעם קאמיטע געבראכט גרויס שאדען, פאר וואס זיי האבען נישט מודיע געוועזען וועגען די נייע פארטייען, וואס זענען היינטיגעם יאהר געווארען, ווי למשל די פארטיי „מזרחי", וואס האט זעהר פיעל געארבעט היינטיגעם יאהר. אויך פראטעסטירט דער רעדנער געגען די וואס קומען אין קאנגרעס זיך אויסרעכענען זייערע פריוואט־חשבונות ווי טריטש און זאגט, אז טריטש וועט בלייבען בע־וואוסט אין אונזער געשיכטע נאר צוליב דעם, וואס האט דעם גבור פון פאלק געבראכט איינינע שעות צער און אויפרעגונג! (א שטארקער אפלאדיסמענט).

פריילין ראבינאוויטש רעדט זעהר אויפגערעגט און פרא־טעסטירט זעהר געגען זעצען א קאמיסיע צו פארהאנדלען די פראגע וועגען מזרח-אפריקא.

ד"ר מענטשעל הויבט אויך אן רעדען וועגען דעם, אבער די פארשטעהער לאזען איהם נישט ענדיגען.

ה' שיינקין הויבט אן רעדען וועגען עפים אנדערש און

ראזינען רייטש, האט זי זיך אויפגעכאפט פונ'ם ארט און איז צוגע־שפרונגען צו איהם גלייך אין פנים אריין, זיך גענומען מיט ביידע הענט ביי די זייטען און האט איהם אויסגעלומר'ט א צעטל און דווקא אויף פראסט יודיש:

— הער נאר אויס, דו קירע רייטש, דו שוטה בן פיקהאלץ, דו לאמפענגלאז, איך וועל מיר נאר א מעשה אנטאן! דו מיינסט דאך אודאי, אז מע האט זיך דערשראקען פאר דיין טענדע־ווערענדע מיט'ן שווארצען קוימען, וואס דו טראגסט אויפ'ן קאפ? סך הכל האסט דו דאך ביי אונז אויסגענארט די עטליכע גולדען אומזיסט און אומנישט ווי א פראסטער מאשעניק! דו מיינסט מע ווייסט ניט ווער דו ביזט, דו אפגעריסענער דלפון, דו נאקעטער כתריליק? געהסט ניט אוועק, אט פאהר איך אריין צו דיר אין פנים אריין און פליק דיר אוים דאס בערדל ער פרוטה אחת, פארשטעהסט דו מיך, ווארום איך האב שוין אויף מיין לעבען געפאטשט אזעלכע לייט, הערסט דו, וואס דו וועסט זיך ביי זיי בעהאלטען אין קעשעני! וואס זאגט איהר איך בעט אייך אויף דעם משוגע'נעם דייטש מיט דעם לאקשענטאפ, איך וועל מיר נאר א מעשה אנטאן!... פאלג מיך נעם דעם וועג וועסט דו בעסער מאכען!. . . . .

איך וויים ניט, צי ער האט זיך טאקי איבערגעשראקען פאר דער מומע נחמה, וואס האט אויסגעזעהען אין דער מינוט ווי א צע־

רייצטע: כפאלאשעטע הוהן, וואס איז גרייט אויסגראבלען אייך די אויי־גען, צי ער האט גלאט נישט געוואלט האבען צו טאן אין וויען מיט א יודינע פון אצעלעם—מיין דייטש מיט דער טענדע־ווערענדע האט גענומען דעם צילינדער אין די הענט און די פים אויפ'ן די פלייצעס און האט געמאכט פליטה גאר אויף איין אנדער אופן, א שטארקען קלאפ געטאן מיט דער טיר און אויף יענער זייט שוועל געבענשט אונז מיט'ן געוויסען נאמען: „רוסישע שווייגען", וואס מיר זענען צו דעם שוין אזוי געוואהנט געווארען, אשטיינער ווי מיר זענען געוואהנט צו א „גוט מארגען, גוט יאהר".

פון דעמאלט אן האב איך אנגעהויבען פאר דער מומע נחמהן פון אצעלעם האבען דרך ארץ, זי איז ביי אונז ביידען געווארען איז די אויגען העכער מיט ניין און ניינציג פראצענט און ס'איז ביי אונז געבליבען, מיר זאלען זיך מיט איהר אינטערוועגנס שוין טאקי מעהר ניט צעשיידען.

קומט ארויף אויף דער מזרח־אפריקאנישע פראגע. ער זאגט, אז פון ד"ר הערצל'ס רעדע ווייזט איהם אויס, אז מיר האלטען זיך ביי'ם אומקעהרען צו חבת ציון אין דער אלטער פארם, דאס הייסט מיר וועלען ציון נאר האלטען אין זינען, דערמאנען איהר אין אונזערע תפלות, אבער די יודישע מדינה וועלען מיר מאכען אין אפריקא. איך האב מורא, זאגט דער רעדנער ווייטער, אז אין גיכען וועלען מיר זיך נישט מעהר צעטיילען אין פראקציעס, נאר אין ציוניסטען און בעלי-מדינה. איך פרעג דעם אקציאנס-קאמיטע, פאר וואס האט מען גאר נישט דערמאנט וועגען די ארבייט אין ארץ ישראל, וואו די קאלאניסטען האבען דעם ד"ר הערצל אויסגעקליבען אלס דעלעגאט צום היינטיגען קאנגרעס.

ווייטער לענט דער רעדנער פאר, מען זאל פארלייענען די טעלעגראמע, וואס איז אנגעקומען פון אוסישקין, וועלכער האט אין דעם אייגענעם טאג, ווען דער קאנגרעס האט זיך געעפענט, אין פא־לעסטינא געעפענט דעם ארץ ישראל-קאנגרעס און אז דער באזעלער קאנגרעס זאל דארטען ווידער שיקען א טעלעגראמע.

אויך מאכט ער אויפמערקזאם, פאר וואס עס פעהלט אין דעם נומער „וועלט", וואס איז ארויס אין באזעל, די ווערטער „אין פאלעס־טינא", זאל דאס נאר זיין א צופאל?

ד"ר רייך, דער באזעלער רב אין א יארמאלקע, האלט א לאנגע רעדע, אין וועלכע ער איז מודיע, אז ער זארגט פאר די נשמות פון יודישען פאלק.

ד"ר הערצל שטעלט זיך אויף דער בימה ענפערן, דער גאנ-צער עולם הייבט זיך אויף און אפלאדירט א לאנגע צייט.

וועגען די פראקציעס פערענטפערט ער זיך, אז ער איז נישט שולדיג, ווייל מען האט איהם וועגען דעם נישט צו וויסען געגעבען.

וועגען די באנק־קאמיסיאן, וועגען וועלכע ה' ראזענבוים האט געפרעגט, זאגט ד"ר הערצל, אז זייט דריי יאהר האט מען פון איהר גאר נישט געהערט, און אין די לעצטע קאנגרעסען האט מען זיי נישט אויסגעקליבען פון דאס ניי, טא ווער איז דאס מחויב צו געדענקען.

וועגען די אויסגעקליבענע קאמיסיעס, קאן איך נאר זאגען: אז איך האב זיי וויפיעל מאל דערמאנט, וואס זיי האבען צו טון, זיי האבען זיך אבער פון דעם נישט וויסענדיג געמאכט — מען קאן זיי דאך נישט נייטען זיי זאלען ארבייטען, איך קאן נאר בעטען, אז ווייטער זאל מען נישט אויסקלויבען אזוינע קאמיסיעס, וואס מעהר ווי דעם נאמען האבען זיי נישט.

בנוגע וואס מען ווארפט מיר פאר, אז איך מאך איבער די פראגראמע פון באזעלער פראגראם, איז עס נישט ריכטיג. איך מאך גאר נישט אנדערש, איך ברענג נאר פאר א פראיעקט פאר דעם קאנג־רעס און ווי דער קאנגרעס וועט בעשליסען אזוי וועט זיין.

דאס וואס עס פעהלט די מאטא פון באזעלער פראגראם, איז עס נאר ווייל מען האט נישט געבראכט די „קליישע" פון וויען, נאר הער שיינקין קאן זיכער זיין, אז מארגען וועט עס ווידער זיין.

וועגען ועד על אריש האלט ער, אז מען קאן שוין וועגען דעם מעהר נישט פארהאנדלען, ווייל דארטען פעהלט וואסער און די רע-גירונג האט בשום אופן נישט געוואלט מסכים זיין מען זאל צוציעהען וואסער פון נילוס. מאכען א קליינע קאלאניזאציע ראט אונז נישט די דארטיגע רעגירונג און איך בין אויך דערצו מסכים.

דערנאך קומט דער רעדנער צו נאסיג'ס טענות. ער זאגט, אז נאסיג אורטיילט לויט אויבערפלעכליכע ידיעות, בשעת מיר האבען די מיינונגען פון די גרעסטע ספעציאליסטען אין דער וועלט וועגען דעם ענין. דאס ווידער וואס נאסיג ווארפט מיר פאר, אז איך האב אין דעם ויכוח מיט טריטש פארגעשטעלט א מין קאמעדיע אויף דעם קאנגרעס, ווייס איך נישט ווער פון אונז ביידען האט זיך מעהר בעטראגען ווי אויף א קאמעדיע, צי איך, וואס על כל פנים בין איך נאך (?) דאס ערשטע מאל אויפ'ן קאנגרעס, און מען ווייסט מיין ארבייט, אדער ה' נאסיג, וואס קומט דא דאס ערשטע מאל מיט א כיון צו שאדען דעם קאנגרעס. ווען איך וואלט געוואוסט, זאגט דער רעדנער ווייטער, אייער כונה מיט אייער קומען אהער, אז איהר ווילט נאר געגען מיר אייער קריטיק געברויכען, וואלט איך אייך (ער ווענדעט זיך צו נאסיג, טריטש און זיינע חברים) נישט געלאזען בעלעסטיגען די דריטע זיצונג, אבער איך האב געמוזט ברענגען דעם דאזיגען קרבן, כדי מען זאל נישט זאגען אויף מיר, אז איך וויל נישט הערען קיין קריטיק אויף זיך, נון האט איהר גערעדט און מיר אלע האבען אייך אויסגעהערט!

אין זאל הערשט א גרויס לארם, דאס רוב דעלעגירטע זענען שטארק אומצופרידען מיט ד"ר הערצל'ס געגנער, עס געפינט זיך אבער א קליינע צאהל דעלעגירטע, וועלכע האלט מיט זיי.

ד"ר הערצל רעדט ווייטער אויפגערעגט: ה' טריטש זאגט, אז איך האב געזוכט זיין בעקאנטשאפט, ווייל איך האב געמיינט, אז ער איז נאהנט צו יק"א. איהר זייט אייך טועה ה' טריטש. איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז איהר האט נישט קיין געלד. איך האב אייך בעגע-גענט ביי מיר אין הויז און האב מיט אייך פריינדליך גערעדט, ווי איך בין געוואהנט צו רעדען מיט יעדען מענשען. איך האלט דעם ה' טריטש פאר איין ערענטליכען מאן אבער ער ווייסט נישט דאס אחריות, וואס ער נעמט אויף זיך מיט זיינע האנדלונגען.

וועגען ה' נאסיג'ס בעמערקונג, זאגט ד"ר הערצל, אז ער האט טאקי אונטערהאנדעלט מיט יק"א וועגען ועד על אריש. די פאר-שטעהער פון יק"א וועלען געוויס געהן מיט אונז און נישט געגען אונז, אז עס וועט האלטען ביי א וויכטיגען ענין.

צום סוף לויבט ד"ר הערצל דעם ד"ר סירקין אלס ערענט־ליכער געגנער.

פראפעסאר גאטטייל פרעגט: אויב די רעגירונג, וואס האט צוגעזאגט צו שטיצען דעם ציוניזם, האט עס נאר מיט ווערטער צוגעזאגט אדער אויף איין אנדער אופן.

ד"ר הערצל ענפערט, אז ער האט דערויף דאקומענטען (א פריידען־לארם).

דער קאנגרעס דריקט אויס צוטרויען צום אנפיהרער און דעם אקציאנס־קאמיטעט מיט א שטארקען רוב דעות (דריי זענען נאר ענטהאלטען) און די זיצונג ווערד געשלאסען.

די פינפטע זיצונג.

דיענסטאג אין דער פריה.

די קאם־סיע צו אונטערזוכען די מאנדאטען לעגט פאר דעם קאנגרעס צו בעשטעטיגען די וואהלען.

ד״ר ווארטסמאן פראטעסטירט געגען דעם, ווייל ווי ער האט זיך דערוואוסט האט מען אין איניגע ערטער אין רוסלאנד געשיקט פון אקציאנס־קאמיטעט טעלעגראמעס אויסצוקלויבען געוויסע מענשען.

דער קאנגרעס בעשטעטיגט די אונטערזוכונגס־קאמיסיע.

ד״ר באדענהיימער לייענט פאר די טעלעגראמעס, וואס ווינשען גליק דעם קאנגרעס, ביי איניגע טעלעגראמעס אפלאדירט מען.

זאנגוויל שטעלט זיך רעדען.

זאנגווילס רעדע.

דער ציוניזם און די צדקה-חברות.

איך וויל רעדען וועגען ציוניזם און די צדקה חברות.

וואס דער ציוניזם איז ווייסען מיר, אבער צי ווייסען מיר אויך וואס צדקה איז? צדקה־חב־ות בעווייזען, אז דער געזעלשאפטליכער ארגאניזם איז קראנק. די היינטיגע געלערנטע ווילען נישט נאר מבטל זיין די צדקות, נאר זיי ווילעי איינארדענען די געזעלשאפט אויף אזא אופן, עס זאל גאר נישט זיין קיין ארט פאר צדקות. און מיר יודען, וואס אונזער געזעלשאפטליכעס לעבען איז מעהר קראנק ווי אלע אנדערע, ווילען אין דעם נישט מודה זיין, און מיר שטרייטען געגען די צדקה־אבשאפונג.

אט האבען מיר געהאט די בערלינער אספה. דא האבען מיר געזעהן, אז די חברות, וואס זענען געגרינדעט געווארען נאר צוליב עמיגראציע, זענען געגען דער עמיגראציע. די גאנצע עמיגראציע וואס זיי ווילען יא, איז נאר מען זאל אויסוואנדערען פון פאלעסטינא.

אבער מיר גלויבען פארקעהרט, אז נאר די יודישע מדינה וועט אונז אין גאנצען אויסהיילען און מיר וועלען קיין צדקה מעהר נישט ברויכען.

באראן הירש האט געזאגט, אז זיין פאנד (יק״א) וועט זיין גאר אין גאנצען אנדערש פון אלע צדקה־אנשטאלטען, אבער מיט וואס איז ער אנדערש? סיידען הערמיט וואס ער אונטערשטיצט איניגע אדוואקאטען.

דער רעדנער געהט איבער צו דער יודישער לאגע, אנשטאט איין שקל, זאגט ער, צאהלען מיר דרייסיג שקלים. מיט דעם געלד וואלט מען געקאנט אבקויפען גאנץ ארץ ישראל. מיר מוזען האלטען שבת צוויי טעג אין וואך, מיר מוזען פאר אונז בויען עקסטרע שולען צום לערנען, בשעת אין די אלגעמיינע שולען צאהלען מיר אויך.

באראן הירש איז געווען דער ערשטער, וואס האט זיך גענומען צו א גרויסע קאלאניזאציאן, זיינע שטעלפארטרעטער אבער טון איהם נישט נאך. אין גיכען וועט ווערען דרייצי־הן יאהר זייט יק״א איז גע־גרינדעט. איך לעג זיי פאר, אז זיי זאלען עס אין אונזערע הענט איבערגעבען, זיי קאנען שוין פייערען דעם „בר מצוה" פון זייער ישטיפטונג און מאכען די ברכה „ברוך שפטרני מעונשו של זה". (עס ווערד א געלעכטער).

דער רעדנער ווענדט זיך צו די קולטוריסטען. ער זאגט, אז מיר פארבייטען על פי טעות די אגריקולטור (די קולטור פון ערד־ארבייט) אויף קולטור. אין דער אמת'ן קאן איין יאהר פון אגריקולטור אויף אונז בעסער ווירקען ווי צעהן יאהר קולטור־ארבייט.

רעדענדיג פון דער קולטור קומט ער ארויף אויף רבן יוחנן בן זכאי, פון וועלכען ער האט שוין גערעדט ביים פינפטען קאנגרעס.

— אמת. זאגט דער רעדנער, בן זכאי האט טאקי מציל געווען דאס יודענטום פון אונטערגאנג, אבער ווען ער וואלט געוואוסט די שרעקליכע טראגעדיע פון אונזער גלות־לעבען, ווען ער וואלט פאר־אויס געזעהן די אלע מורא'דיגע רדיפות און עינויים, וואס מיר וועלען האבען צו ליידען — וואלט ער ל'בערסט געוואלט פאלען אין דער מלחמה, איידער זיך פארשטעלען פאר א מת און זיך ארייגנגב'ענען צו די רומאים אין לאגער! דער ארון מיט דאס שטיק פארשטונקענע פלייש, וואס בן זכאי האט זיך געלאזט לעגען ביי דער זייט, דאס איז דער סימבאל פון אונזער גלות לעבען, דאס איז דאס היינטיגע טויטע פארשטונקענע לעבען.

מיר דארפען זיך צוריקקערען צו דער אגריקולטור, צו דער לאנד־ארבייט. אויך די העברייאישע שפראך, וואס זי איז דער יסוד פון אונזער איצטיגער קולטור, וועט נאר דענסטמאל קאנען ווערען איין אמת נאטירליכע שפראך, אז מיר וועלען זיין אין אונזער לאנד, אז זי וועט נישט בעשטעהן פון די געקינסטעלטע איינענע געמאכטע ווערטער, וואס אונזערע שריפטשטעלער ברענגען אין איהר אריין, נאר פון די נאטירליכע ווערטער, וואס דאס לעבען וועט אין איהר אריינברענגען.

דער רעדנער זאגט ווייטער, אז די מלחמה פאר און געגען קולטור שאדט דעם פאלק. אפילו די חסיד'ישע קולטור, וואס איז די קולטור פון די ארטאדאקסען, קאן זיך ענטוויקלען נאר בשעת מיר וועלען זיין אין אונזער אייגען לאנד.

און פאר וואס דארפען מיר אזוינע פשוט'ע ווערטער, וואס יעדער בר דעת ווייסט דאס, זאגען אונזער פאלק? ווייל אונזער מח איז נישט מעהר מסוגל צו טראכטען גלייך, נאר מיט פלפולים און פארדריצהענישען.

איך געדענק וואס די לעגענדע דערציילט וועגען ר' יצחק נפחא, וואס זיינע עלטערן זענען איהם געשטארבען, ווען ער איז נאך א קליין קינד געוועזען. אנשטאט צו האבען דערפון צער האט ער זיך גאר געפרייט, וואס איז, ער ווערד נישט נכשל אין דער עבירה פון נישט האלטען בכבוד די עלטערן.

איך וויל אייך נאך דערמאנען א קליינע סצענע פון מיינס איין ערצעדלונג. איהר געדענקט דאך נאך א ודאי דעם מלך הקבצנים. ער האט זיין טאכטער נישט געוואלט חתונה מאכען מיט יענקעלע דעם שנארער, ווייל ער האט זיך דערוואוסט, אז טייל מאל פארדיענט ער געלד דורך א־בייטען אויך. די לאגיק פון מלך הקבצנים קומט אויס, אז ארבייט איז נישט קיין זיכערע פרנסה, ווייל דאס יישירות איז אויך נישט קיין אייביגע זאך, וויפיעל גבירים האבען מיר געזעהן, וואס האבען זייער גאנץ עשירות אנגעווארען, א קבצן אבער האט נישט

וואס מורא צו האבען, זיין פרנסה איז א זיכערע, קבצנות וועט קיינמאל נישט אויפהערען!

אט אזוי, קענטיג, מיינען א סך פון אונזער פאלק, מיר זענען אזוי צוגעוואהנט צו שנארעריי, אז מיר מיינען אז אנדערש קאן עס גאר נישט זיין.

אונ מיינט איהר, אז מיר זענען נישט די אייגענע בעלי־הוצאות ווי א גרויסע מדינה? איהר האט א טעות אויב איהר מיינט אזוי. מיר קאנען אויסהאלטען א גאנצע פלאט מיט דעם געלד וואס מיר געבען אויס אויף וואנדערען אונ עס ברענגט אונז נישט קיין נוצען. מיר האלטען מלחמה צווישען אלע פעלקער אונ א חוץ דעם נאך מיט די שלעכטקייט פון די פעלקער, אונ נאך גרעסער איז אונזער א־מגליק, וואס מיר וויסען פאראויס, אז מיר וועלען אין אונזער מלחמה נישט מנצח זיין, אז די מלחמה וועט נאך אונטערברענגען דאס יודענטום...

דער רעדנער געהט שפעטער איבער וועגען די פראגע פון מזרח־אפריקא, ער זאגט עס נישט ארויס בפירוש, אבער מען פארשטעהט, אז ער מיינט דאס. ער זאגט, אז אונז איז נישט דער עיקר דוקא די אונ די לאנד, מיר קאנען זיך שאפען א גייסטליכע פאלעסטינא ערגעץ אנדערש; פאליטישע מענשען קאנען זיך נישט איינשליסען אין איין ענגען קרייז, זיי מוזען אורטיילען וועגען דאס גאנצע. נאר אזא פאליטיק קאן ברענגען א רעזולטאט צו א פאליטישע פראגע.

מיר זענען דא נישט צוזאמענגעקומען בלויס זיך דאס הארץ אויסצורעדען, נאר צו היילען אונזער קראנק, צעבראכען פאלק.

אין נאמען פון די ענגלישע ציוניסטען לעגט מען פאר מען זאל אויסקלויבען א קאמיסיע וועגען דער מזרח־אפריקאנישע פראגע.

ד"ר נאבעל אלס מזרחי פראטעסטירט געגען זאנגווילס רעדע, אונ בפרט געגען דעם, וואס ער האט גערעדט וועגען ר' יוחנן בן זכאי. דערויף ענפערט ה זאנגוויל, אז ער האט נישט געמיינט דערמיט צו בעליידיגען די געפיהלע פון די ארטאדאקסישע ציוניסטען, ער האט נאר געמיינט צו בעריהרען די פאליטיק פון בן זכאי א ודאי זענען מיר בן זכאי דאנקבאר דערפאר, וואס ער האט מציל געווען דאס יודענטום, דעם תנא בן זכאי אכטען מיר זעהר, אבער בן זכאי דער פאליטיקער געפעלט אונז נישט.

ד"ר נאבעל איז נאך דערמיט נישט צופרידען, נאר ווייל עס איז שוין מיטאג צייט רעדט ער דערוויל נישט מעהר. דער קאנגרעס ווערד געשלאסען ביז פיער דעם זייגער.

די אספה פון די רוסישע דעלעגירטע וועגען מזרח אפריקא.

די ערשטע אספה.

די נייעס וועגען דאס נייע לאנד אין מזרח־אפריקא, וועלכע ד"ר הערצל האט דעם קאנגרעס פארגעלעגט, האט געמאכט א גוואלדיגען רושם. די רוסישע דעלעגירטע קומען זיך צוזאמען אונ מאכען וועגען דעם עקסטרע אספות. די ערשטע אספה וועגען דעם איז געוועזען באלד זונטאג. די סצענע איז געוועזען זעהר א טרויעריגע. אלע פיהלען זיך שווער, עפיס ווי א שווארצער שלייער איז אויף אלעמענס געזיכטער אריבער געצויגען, יעדער פיהלט, אז ער האט דא צו בעהאנדלען א שווערע פראגע, וואס איין גאט אין הימעל קאן עס בעשיידען. מען קלויבט אויס הויפט־רעדנער.

דער סאפאצקינער רב ראבינאוויטש איז בכלל געגען דעם ישוב אין אפריקא. אויף יעדען אופן, לעגט ער פאר, זאל דער קאנגרעס די דאזיגע פראגע נישט בעהאנדלען אלס ציוניסטישער קאנגרעס נאר אלס פריוואט־קאנגרעס.

ד"ר ווייצמאן לעגט פאר, מען זאל וועגען דעם אונטערהאנדלען מיט די גרויסע קאלאניזאציאנס געזעלשאפטען.

איין אנדערער זאגט מען זאל דעם פראיעקט יא אננעמען, כדי עס זאלען נישט קומען אנדערע נישט ציוניסטען אונ דאס צונעמען אונ בעהאנדלען נאך זייער ווילען. ער זאגט, אז מיר דארפען נישט מורא האבען פאר אונזערע ציוניסטישע שטרעבונגען, נישט נאר אלס געיאגטע קנעכט קענען מיר טראגען די ציוניסטישע פאהן, נאר אויך אלס פרייע מענשען, וואס לעבען א פאליטיש לעבען. איך מיין פארקעהרט, אז אזיכער ווינקעל וועט נישט נאר נישט שאדען, נאר אדרבא ער וועט נאך ברענגען נוצען.

די אנדערע דריי רעדנער: ד"ר ש. לעווין, אדוואקאט גיסען אונ ד"ר יאקאבזאהן מיינען אנדערש. קלערער פאר אלעמען האט זיין מיינונג אויסגעשפראכען דער ד"ר יאקאבזאהן.

-- דער ציוניזם — זאגט דער רעדנער איז נישט נאר א גאולה, נאר אויך א תחיה, נישט נאר איין אויסלייזונג, נאר א ווידער אויפלעבונג, די איינציגע קראפט, וואס וועקט אויף אונזערע ברידער אין גלות, איז נאר דאס צוריקקעהרען אין אונזער לאנד אונ קוים לאזען מיר די דאזיגע שטרעבונג אב איז אלע אונזערע ארבייט בחנם. מען זאגט אונז, אז דער הויפטצוועק איז פאלעסטינא אונ אויף דאס לאנד אין אפריקא וועלען מיר קוקען ווי אויף איין ארט אויף איבערצונעכטיגען. מיר שטרעבען, אז די רעגירונגען זאלען אונז העלפען בעקומען ארץ ישראל, אז מיר וועלען אבער האבען א זיכערן ארט אין אפריקא וועט אונז קיינער ניט העלפען צו בעקומען פאלעסטינא, מען וועט אונז זאגען וואס פעהלט אייך, איהר האט דאך איין אייגען לאנד.

ד"ר ש. לעווין לעגט פאר, מען זאל אין גאנצען נישט פארהאנדלען וועגען מזרח־אפריקא, קוים קלויבט מען אויס וועגען דער פראגע א קאמיסיע הייסט דאס דער ערשטער שריט צו אפריקא אונ די ציוניסטישע בעוועגונג וועט אלץ ווערען שוואכער. אמת מיר שטרעבען נאך א זיכערע היים, אבער נישט אויף דערוויל, אויף איבערצונעכטיגען, נאר אויף אלע מאל אויף אלע טעג, אויף אלע יאהרען אונ נישט אויף ביי דער נאכט, איין אייביגע נאכט אן א טאג.

די אספה געדויערט ביז איינס דעם זייגער ביי נאכט. אלע דעלעגירטע זענען שרעקליך מיד פון אויפרעגונג אונ עגמת נפש. איין דעלעגירטער, אבראמסאן, פאלט אין חלשות.

די צווייטע אספה.

מאנטאג 9 דעם זייגער.

ד"ר טשלענאוו. מיר האבען איצט צו באשטעהען א שווערען נסיון. מיר דארפען בעהאנדלען איין ערנסטע פראגע, ערנסט איז די פראגע

דעריבער, ווייל אין איהר ליגט א וויכטיגער טייל פון דער בעשיידונג, דען זי וויל אונז געבען א זיכערע היים. אונ דעריבער ווילען מיר אן ציון אין גאנצען פארגעסען. איך בין געגען דעם פראיעקט, פונדעסט־וועגען בין איך מסכים, מען זאל אויסקלויבען א קאמיסיע, ווייל די פראגע, וואס ד"ר הערצל האט אונז פארגעלעגט אין דעם נאמען פון דער ענגלישער רעגירונג דארף חאטש קומען צו קבורה בדרך כבוד.

נאך ד"ר טשלענאוו האט גערעדט דער רב ראבענאוויטש אונ ער האט אויך מסכים געוועזען צו זעצען א קאמיסיע. דערנאך שטעלט מען די פראגע אויב מען זאל איבערגעבען די דאזיגע פראגע צי נישט. 135 האבען אויפגעהויבען די הענט געגען דער קאמיסיע אונ 78 פאר דער קאמיסיע.

צוויי דריטעל פון די רוסישע דעלעגירטע זענען אלזא געוועזען געגען זעצען א קאמיסיע.

מאנטאג 4 דעם זייגער נאכמיטאג.

מען בעשפרעכט זאנגווילס רעדע, מען געפינט, אז די וויצען זענען נישט געוועזען נייטיג, ביי אזא ערענסטען קאנגרעס דארף מען רעדען ערנסטער.

די קולטוריסטען פריוון זיך צונויפצוקומען אונ צו פראטעס־טירען, פאר וואס מען רעדט גאר נישט וועגען די קולטור, עס גערעט זיי אבער נישט.

די זעקסטע זיצונג.

5 דעם זייגער עפענט זיך די זיצונג. הער ד"ר באדענהיימער איז דער פרעזידענט פון דער זיצונג.

ד"ר נאבעל דער מזרחי פראטעסטירט ווידער געגען זאנגווילען וועגען זיינע ווערטער אויף ר' יוחנן בן זכאי, זאנגוויל פארענטפערט זיך אונ עס ווערד שלום. מען מעלדעט אז איינינע ציוניסטישע אגודות אין רוסלאנד האבען מנדב געוועזען צו 100 רובל פאר'ן נאציאנאל־פאנד זיך איינצושרייבען אין גאלדענעם בוך.

ד"ר הערצל נעמט איבער דאס פרעזידענטשאפט.

עס הויבט זיך ווידער אן וכוחים וועגען דער מזרח אפריקאנישע פראגע.

ה' ראזענבוים איז געגען זעצען א קאמיסיע, ער זאגט, אז מען דארף נאר שאפען אין פאלק דעם רצון צו פארלאנגען פאלעס־טינא וועט מען עס שוין בעקומען, אויב מיר ווילען האבען אין מזרח אפריקא, זאגט דער רעדנער ווייטער, 5 מיליאן יודען ווילען מיר אן פאלעסטינא אין גאנצען פארגעסען.

דער פארזיצענדער בעט דעם רעדנער, ער זאל אביסל מקצר זיין. דער רעדנער זאגט, אז ער ענדיגט שוין, נעכטען, זאגט דער רעד־נער, האט מען דא גערעדט פון איין אומגליקליכע פרוי אין ציי־פערן, איך מאך דעם פארזיצענדען אויפמערקזאם, אז אין צוויי יאהר שפעטער ווילען דא זיין אזוינע הונדערטער אומגליקליכע פון אפריקא. (מען אפלאדירט א לארם, טייל פראטעסטירען).

זולצבערגער, איין אמעריקאנער, איז פאר די קאמיסיע, ער ווייזט אויף, אז די עמיגראציע אין אמעריקא וועט מען א ודאי קורצליך פארביטען, מען מוז געפינען א זיכערע היים פאר יודען, אונ אז מען וויל אונז אזא היים געבען, טארען מיר דאס נישט אוועקלאזען.

ד"ר פאסמעניק טראגט פאר, אז מען זאל אויסקלויבען 10 הויפט־רעדנער 5 פאר אונ 5 געגען אפריקא. עס ווערד אנגענומען.

ד"ר ווארטסמאן רעדט געגען דער קאמיסיע, ער בעציעהט זיך אויף נארדויס ווערטער, אז אפריקא וועט זיין פאר אונז איין ארט אויף איבערצונעכטיגען, דער הויפט-ציעל איז אבער פאלעסטינא אונ־זערע ארבייט וועט היינט איינגעטהיילט ווערען אויף פארמיטאג אונ נאכמיטאג: פארמיטאג ווילען מיר פארקויפען אקציעס פון יודישען קאלאניאל־באנק אונ נאכמיטאג אקציעס פון אפריקא. פארמיטאג ווילען מיר זיין ציוניסטען נאכמיטאג אפריקאניסטען.

ד"ר ש. לעווין רעדט מיט התלהבות געגען דער קאמיסיע, ער זאגט, אז דאס הייסט געפאטשט דעם ציוניזם. מיר פארטרויען זיך אויף אונזערע אנפיהרער כל זמן זיי זענען אין דעם ציוניזם, מיר האבען דעם ד"ר הערצל פאר ציון, אבער נישט פאר אפריקא.

ד"ר פרידמאן רעדט פאר דער קאמיסיע, מען פארלאנגט דאך נאר פון אונז מיר זאלען אויסקלויבען א קאמיסיע נישט מעהר.

פראפעסאר בילקאווסקי רעדט געגען דער קאמיסיע ער זאגט, אז מען דארף די האפנונג אויף פאלעסטינא נישט פארלירען. מיר דארפען נישט אבטרעטען פון דעם באזעלער פראגראם.

ד"ר קאצענעלסאן רעדט פאר דער קאמיסיע. דורך ליבוי וואו איך וואהן, זאגט ער, פאהרען דורך עמיגראנטען אונ איך האב די געלעגענהייט צו זעהן די אומגליקליכע, מיר טארען זיי נישט לאזע ווייטער ליידען, מיר מוזען פאר זיי געפינען א זיכערע היים.

ד"ר טשלענאוו האלט זיך ווי פריהער ביי דאס זייניגע, אז נאר פאלעסטינא דארף זיין אונזער היים, אונ אויב מיר קאנען איהר נישט בעקומען היינט ווילען מיר איהר בעקומען שפעטער. מיר מוזען ווארטען.

ד"ר פונק (א מזרחי). מענשען געהען פאר אונזערע אויגען אוים פון הונגער אונ איהר רעדט גאר וועגן אידעאלען, אמת ציון איז אונזער הויפט־צוועק, מען דארף אבער אונזערע אומגליקליכע ברידער אויך אין זינען האבען.

ד"ר כהן בערנשטיין גיט איין עצה, מען זאל פרעגען דאס פאלק, אבער דאס פאלק, זאגט ער, איז קראנק, מען קאן זיך אויף דעם קראנקען נישט פערלאזען נאר אויף דעם דאקטאר. איך מיין אז מען זאל פאלגען די רוסישע דעלעגירטע, וואס האבען דעם פארשלאג פון ענגלאנד אבגעשטויסען מיט רוב דעות אונ דאנקען ענגלאנד פאר איהר גוטהערציגקייט.

ד"ר גראנעמאן זאגט, אז מען דארף יא זעצען א קאמיסיע דער פחד, אז מען וועט פארגעסען אן ציון, איז איין אומזיסטיגער.

ד"ר יאקאבסאן מיינט, אז עס וועט נאך לאנג דויערען ביז מען וועט עפיס קאנען טון וועגען אפריקא, די עמיגראציע קאן סאי וסאי נישט ווארטען, זי וועט זיך אליין אויסזוכען איהר וועג. איך בין געגען דער קאמיסיע. אונזער צוועק איז ציון.

פינס זאגט, אז געגען דער קאמיסיע קאנען זיין די וואס האבען גוטע שטעלעס אדער אנדערע גוטע געשעפטען, אבער פרעגט אקארשט די וואס האבען גאר נישט, וואס ווילען זיי אייך ענטפערן.

ד"ר מארמארעק: איך בין געגען אפריקא, ווייל זי איז געגעו

ציון. אבער א קאמיסיע זעצען קאן מען דאך; זיי וועלען דאך קיין זאך נישט בעשליסען איידער זיי וועלען אונז פרעגען.

גראנוואסקי: חאטש מיר זענען אויך געגען אפריקא, ווייס איך פונדעסטוועגען נישט צי זאל איך זיין פאר אדער געגען.

ד"ר פונק זאגט: הונדערטער יאהרען ליידען מיר פאר אונזערע אידעאלען, מיר ווילען ווייטער ליידען און טריי בלייבען אונזערע אידעאלען. מעג אפריקא זיין איין ארץ זבת חלב ודבש און ארץ־ישראל א ווילדע סטעפ וויל איך בעסער ארץ־ישראל, ווייל דאס איז אונזער לאנד. קאלאניזאציע קאן מען דאך היינט אויך מאכען אין פאלעס־טינא, וואס ווילען מיר מעהר? פאליטישע רעכטען? ניין רבותי! דאס קויפט מען נישט, דאס נעמט מען זיך אליין.

ד"ר הערצל פראטעסטירט געגען אזוינע רעד וואס פאסט נישט פאר דעם קאנגרעס.

שפעטער רעדען א טייל פאר דער קאמיסיע און א טייל געגען, חזן, און ד"ר מאזעס פאר דער קאמיסיע, מאנעסזאהן און באהארטשעוו, וועלכער רעדט העברייאיש, זענען געגען די קאמיסיע.

נאך צוועלף דעם זייגער ווערד די אספה געשלאסען.

די זיבענטע זיצונג.

מיטוואך 10 דעם זייגער.

ד"ר הערצל עפענט די אספה. ער שטעלט פאר דעם ד"ר אפענהיימער, א געלעהרנטער עקאנאם, וואס איז נישט לאנג געווארען ציוניסט.

ד"ר אפענהיימער האלט א רעדע, אין וועלכע ער ווייזט אויף, וואס פאר א שווערע אויפגאבע דער ציוניזם האט זיך אונטער־גענומען, איבערצופיהרען א גאנץ פאלק פון איין לאנד אין א צווייטען, מאכען פון א פאלק וואס האט שוין טויזענטער יאהרען זיך ניט בע־שעפטיגט מיט לאנד־ארבייט פאר קאלאניסטען אין איין אקלים, צו וועלכען זיי זענען נישט געוואהנט, און דעריבער, זאגט דער רעדנער, איז קיין וואונדער נישט, וואס פיעל גלויבען נישט, אז דער ציוניזם וועט קאנען אויסגעפיהרט ווערען. נאר קיין אוממעגליכעס איז אויף דער וועלט נישטא, דער פרייהייטס־געפיהל פון פאלק, וואס שטרעבט צו בעקומען אהיים אליין פאר זיך, וועט אלע שוועריגקייטען איבער־טראגען און סוף כל סוף וועלען מיר קומען צו אונזער ציעל.

די ציוניסטישע קאלאניזאציע, זאגט דער רעדנער, דארף שטרעבען:

1) זיך צו גרינדען נאר אויף זעלבסט־הילף, דאס הייסט דאס פאלק דארף נישט זוכען קיין הילף ביי פרעמדע, נאר איין יוד מוז העלפען בי'ם בעזעצען זיך, דעם אנדערן, אבער מעהר נישט ווי בשעת דעם בעזעצען זיך, דענסטמאל דארף מען ענטוועדער לייען געלד אויף אויס צו צאהלען, אדער געבען במתנה א געוויסע סומע און דערנאך מוז יעדער קאלאניסט זארגען פאר זיך, ביי פרעמדע קאנען מיר לכל היותר פרעגען איין עצה פון ספעציאליסטען, ארבייטען אבער דארפען מיר אליין אהן א שום פרעמדע הילף.

2) די קאלאניזאציע דארף דער עיקר געגרינדעט ווערען אויף לאנד־ארבייט; שפעטער וועלען זיך שוין ממילא ענטוויקלען די אנדערע קלאסען ארבייטער, אבער דער עיקר מוז דורכאויס זיין לאנד־ארבייט ווייל דאס איז דער יסוד פון יעדער מדינה.

3) דאס לאנד דארף געהערען צום גאנצען פאלק און יעדער דארף זיך בעטראכטען ווי ער דינגט זיין חלק לאנד פון גאנצען קהל. נאר נאטירליך, ווי לאנג ער ארבייט זיין לאנד גוט, בלייבט ער דארטען אויף אלעמאל און מען טאר פון איהם דאס לאנד נישט אוועקנעמען. דער דאזיגער פונקט איז געגרינדעט אויף דעם יסוד פון יובל, וואס איז געוועזען איינגעפיהרט ביי יודען בשעת זיי זענען געוועזען אין ארץ־ישראל.

נאכדעם ווי אפענהיימער ענדיגט די רעדע הויבען זיך ווידער אן ויכוחים וועגען מזרח־אפריקא. עס רעדען נאך זיבען דעלעגירטע. בענטעוויטש פון לאנדאן איז געגען דער קאמיסיע, ווייל מען האלט נישט בי'ם בעשיידען א פראגע לפי שעה, נאר איין אייביגע פראגע. ד"ר לעפאלד קאהן מיינט אבער, אז אפריקא קאן אונז פארבערייטען צו ציון. דארט וועלען מיר זיך אויסלערנען זיין א פאליטיש פאלק.

ד"ר ברוצקוס פון פעטערסבורג ווייזט אויף, אז לכל היותר קאן מען אין אפריקא בעזעצען א גאנץ קליינע צאהל, ער מיינט אז עס איז בעסער מען זאל זיך בעשעפטיגען מיט קליין קאלאניזאציע אין פאלעסטינא. ד"ר פארבשטיין זאגט, אז מען קאן די הונגעריגע נישט לאזען לענגער ווארטען, מען מוז זיי שוין געבען ברויט, און אויב נאר אפריקא קאן אונז געבען ברויט. טאר מען איהר נישט אוועקלאזען. ד"ר היינריך לעווע זאגט, אז דעריבער זענען א סך נוטה צו אפריקא, ווייל זיי מיינען, אז אונזער פאליטיק אין ציון שטעהט שלעכט, עס איז אבער נישט אמת, מיר זענען קיינמאל נישט אזוי נאהנט געווען צו ציון ווי היינט. מיר דאכט, אז ד"ר הערצל וויל אונז נאר פרובען, אויב מיר זענען פעסטע ציוניסטען, איהר ווילט ארבייט טוט די דאזיגע ארבייט: שאפט אב דעם אפריקא־פראיעקט און געהט מיט אונזער אנפיהרער קיין ציון.

ד"ר הערצל שמייכעלט צו הערענדיג די לעצטע רייד מיט א הסכמה:

ד"ר אווינאוויצקי זאגט, אז ער טרויט הערצל'ן, אז ער וועט קיינמאל דעם באזעלער פראגראם נישט ענדערן. והראיה, אז בשעת ער איז געוועזען אין פעטערסבורג האט ער שוין געהאט דעם פראיעקט וועגען אפריקא און פונדעסטוועגען האט ער דארטען נאר פון פאלעסטינא גערעדט. אז ד"ר הערצל הייסט זעצען א קאמיסיע איז די קאמיסיע א ודאי נייטיג. ה' ראזענבוים פון יאסי זאגט, אז דא, אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס טאר מען וועגען אפריקא נישט רעדען. מען קאן זיך בעשעפטיגען מיט קאלאניזאציע אין אפריקא, אבער דער ציוניזם טאר זיך דערמיט נישט פארנעמען. דערנאך שטעלט זיך נארדוי רעדען, ער פערזיכערט, אז פון די ציוניסטישע געלדער וועט מען נישט איין פרוטה ריהרען, א חוץ פאר די וויסענשאפטליכע עקספעדיציע, אלע אנדערע הוצאות וועט מען נעמען ערגעץ אנדערש. ער פערזיכערט, אז ער אליין איז נישט פאר אפריקא, פשוט ווייל ער ווייסט נישט וואס פאר א לאנד דאס איז, נאר ער איז מסכים, אז מען זאל דאס איבערגעבען צו א קאמיסיע פון ספעציאליסטען און אז זיי וועלען אונז זאגען, אז דאס לאנד איז גוט וועלען מיר דענסטמאל

רעדען וועגען איין ארט אויף איבערצוגעכטיגען, די קאמיסיע וועט דאך אייך צו קיין זאך נישט נייטען, זי וועט אייך נאר זאגען, צי דאס לאנד איז גוט אדער נישט. אונ דער ספעציעל צונויפגערופענער קאנגרעס צוליב דעם וועט ענטשיידען יא אדער ניין.

ד״ר הערצל בעט דעם ה׳ גרינבערג, ער זאל פארלייענען דעם דאקומענט פון דער ענגלישער רעגירונג:

דער דאקומענט פון דער ענגלישער רעגירונג.

דער דאזיגער דאקומענט איז א בריף, וואס קלעמענט היל, דער סעקרעטער פון דער פאליטישע קאנצעלאריע איבער די מדינות וואס שטעהען אונטער דעם שוץ פון דער ענגלישער רעגירונג, האט געשריבען צו ה׳ גרינבערג.

דעם 14 אויגוסט 1903.

געעהרטער הער!

ה׳ טשעמבערלין האט איבערגעגעבען דעם מארקיז לאנדסדוין אייער בריף, וואס איהר האט געשריבען דעם 13 אין פארינען חודש, אין וועלכען עס איז צו געלעגט א פראיעקט פון ד״ר הערצל, וועגען איין אבמאך צווישען די רעגירונג פון אונזער קעניגליכען מאיעסטעט אונ צווישען דער יודישען קאלאניאל־באנק וועגען גרינדען א יודישע קאלאניזאציע אין מזרח־אפריקא.

דער מארקיז לאנדסדוין האט אויך איבערגערעדט וועגען דעם וואס איהר האט מיט איהם גערעדט דעם 6־טען פון היינטיגען מאנאט מיט דעם הערן E. Barsington אונ מיט דעם הערן Hurst.

דער מארקיז לאנדסדוין האט מיר געהייסען אייך מודיע, זיין אז ער האט וועגען דעם פראיעקט גוט נאכגעקלערט. בכלל איז דאס הארץ פון אונזער קעניגליכער מאיעסטעט שטענדיג וואך צו אלץ, וואס עס טוט זיך לטובה די יודען. די צייט איז צו קורץ געוועזען אונ ער האט נישט בעוויזען צו רעדען בפרטות וועגען דעם פראיעקט אונ דעריבער קאן איך מיין מיינונג נישט זאגען אויף געוויס.

דער מארקיז לאנדסדוין מיינט, אז פון דער יודישען באנק זאל מען שיקען איינינע מענשען אין די מזרח אפריקאנישע מדינות, וואס שטעהען אונטער אונזער רעגירונגס שוץ, כדי זיי זאלען אליין זעהן, אויב דאס לאנד טויג צו זייער צוועק, אונ אויב יא, וועט ער עס האלטען פאר א גליק, אז ער וועט אייך די זאך קענען פערלייכטערן, כדי איהר זאלט קענען רעדען מיט דעם פארטרעטער פון דער רעגירונג, אונ אויף דעם קינפטיגען קאנגרעס וועט איהר שוין קענען פארטראגען די פארהאנדלונג וועגען דעם, אונ וועט בעשליסען אויף וואס פאר איין אופן קאן מען גרינדען א קאלאניזאציע פאר יודען אין יענער מדינה.

אז איהר וועט געפינען א מדינה, וואס די שליחים פון באנק אונ די פארטרעטער פון אונזער רעגירונג וועלען דערויף מסכים זיין, אז זי איז לויט אייער רצון, איז דער לארד לאנדסדוין גרייט אנצונעמען אייער פראיעקט וועגען גרינדען א קאלאניזאציע פאר יודען, וואו זיי וועלען קענען היטען זייערע מנהגים ווי זיי ווילען נאר אליין. צו דעם צוועק איז ער גרייט, אויב די מדינה וועט אייך נאר געפעלען, אונ אויב די רעגירונגס־פארטרעטער, וואס האבען צו זאגען אויף די ענינים פון מזרח־אפריקא וועלען דערויף מסכים זיין, זיך איין עצה צו האלטען בפרטות וועגען דעם פראיעקט. איהרע הויפט־תנאים וועלען זיין: אייך צו געבען א מדינה, וואו מען וועט קענען בעזעצען זעהר א גרויסע צאהל מענשען, מען זאל בעשטימען א יודישען מנהיג פאר דעם פרעזידענט פון לאנד. אונ אין גאנצען די פרייהייט אין די אינער־ליכע הערשאפט פון לאנד אונ אין אלע ענינים פון גלויבען. די הערשאפט אייערע וועט אבער שטעהן אונטער די הויפט-השגחה פון אונזער רעגירונג

עס איז איצט נישט נייטיג צו רעדען מיט אייך קיין סך וועגען די פרטים פון דעם דאזיגען פראיעקט, אויף וואס פאר א תנאים מען וועט אייך דאס לאנד געבען, צי מען וועט אייך דאס פארקויפען לחלוטין, אדער פארדינגען, נאר דער מארקיז לאנדסדוין מיינט, אז די הוצאות פון די הערשאפט וועט נישט זיין אויף חשבון פון אונזער רעגירונג. אויך האט זי דאס רעכט פון אייך עס צוריק צו צונעמען, אויב אייך וועט דארטען נישט געראטען.

אייער ערגעבענסטער פריינד Clement Hill

די אכטע זיצונג.

מיטוואך 4 דעם זייגער נאכמיטאג.

הערצל האלט א רעדע אונ ער בעמיהט זיך מיט אלע מעגליכ־קייט, צו ווירקען אויף דעם קאנגרעס, ער זאל בעשליסען צו זעצען א קאמיסיע, אויב מיר וועלען די קאמיסיע נישט זעצען קאן די ציוניס־טישע ארבייט נאך שווערער זיין אונ אפשר גאר אוממעגליך. מען שטעלט צום אבשטימונג. רוב דעות 295 זענען פאר דער קאמיסיע אונ 177 געגען דער קאמיסיע.

די מורשים: כהן־בערנשטיין, טשלענאוו, ברוק, טעמקין אונ יאקאבסאהן געהען ארויס פון זאל מיט א לארם. זיי דריקען דערמיט אויס זייער פראטעסט געגען די חברים פון אקציאנס־קאמיטעט.

מעהרערע רוסישע דעלעגירטע, וואס זענען געגען דער קאמיסיע געהען צוזאמען מיט די מורשים ארויס פון זאל.

ביז 4 א זייגער ביינאכט דויערט די זיצונג.

מען טראגט צולעצט פאר איינינע פראיעקטען: 1) אז הוצאות אויף דער עקספעדיציע זאל מען נישט נעמען פון דער ציוניסטישער קאסע. 2) איידער מען וועט שיקען די עקספעדיציע אויסצופארשטען דאס נייע לאנד זאל מען צוזאמען רופען איין אספה פון גרויסען אקציאנס־קאמיטעט. הערצל איז מודיע צוויי מאל, אז ער וויל קומען אויף דער אספה פון די וואס זענען ארויס פון זאל, מען וויל איהם נישט גערן אריינלאזען, מען נעמט איהם אבער דאך אריין, אבער מען בעגעגענט איהם קאלט.

ה׳ ראזענבוים מעלדט דעם ד״ר הערצל, אז די חברים פון גרויסען אקציאנס־קאמיטעט, האבען בעשלאסען זיך אבצוזאגען, ווייל ד״ר הערצל גייט זיי צו טון זיין רצון.

ד״ר הערצל רעדט מיט א ווייך קול. ער פארזיכערט ווידער, אז ער מיינט נאר ציון, אבער דערווייל איז נייטיג באלדיגע הילף. אונ דא האט מען אזא פראיעקט, קענען מיר דאס נית אבשטויסען, מיר דארפען דאך וויסען אונזער אמת׳ע לאגע, מיר דארפען זיך נישט נארעי · קיין מאראלישע קרעפטע האבען מיר נישט, קיין געלד האבען

מיר נישט, אט אזוי העלפט איהר מיר דאס. בשעת איך בין צוריקגעקומען פון קאנסטאנטינאפאל, איז די ישועה געוועזען גאר נאהענט. מען האט גאר געברויכט אנדערהאלבען מיליאן פונט שטערלינג, דענסטמאל האבען זיך אנגעהויבען די געשרייען און די לארמעס און קוים מיט צרות האט מען צונויפגענומען אכציג טויזענט פונט. וואס האב איך געזאלט טון? מיר קענען זיך דאך נישט פארדרעהען דעם קאפ מיט פוסטע פאנטאזיעס. מיר מוזען עפיס טון. דער וועד עס זאגט אז איך מאך איבער דעם כאזעלער פראגראם טוט מיר א גרויסע עולה.

ד"ר הערצל'ס רייד האבען געווירקט, דער עולם איז געווארען געלאסענער.

די ניינטע זיצונג.

דאנערשטאג 9 דעם זייגער אין דער פריה.

מיט א לארם פון „הידד" בעגעגענט דער קאנגרעס דעם ד"ר הערצל. דערנאך האלט ה' סאקאלאוו א רעדע „וועגען דעם ציוניזם און צדקה אין מזרח איראפא", אין וועלכער ער ווייזט אויף ווי מען דארף די פארם פון צדקה איבערמאכען, און אריינברענגען אין איהר א ציוניסטישען גייסט.

נאך סאקאלאוו האלט אינזשיניר קרעמניצקי פון וויען א רעדע וועגען נאציאנאל-פאנד און ער בעשולדיגט די ציוניסטען אז זיי פארהאלטען זיך צו גלייכגילטיג צו דעם נאציאנאל-פאנד, אויך ד"ר פארבשטיין האלט א רעדע, אבער מען הערט איהם שוין אונגעדולדיג, דער עולם איז שוין מיד פון די וכוחים וועגען מזרח-אפריקא

דער קאנגרעס בעשטימט:

1) די תקנות-בעשטעטיגונג פון דעם נאציאנאל-פאנד זאל מען איבערגעבען דער „יאהרעסקאנפערענץ".

2) פון דעם נאציאנאל-פאנד געלד זאל מען קויפען לאנד אין פאלעסטינא און אין די דערביאיגע לענדער.

3) דער נאציאנאל-פאנד קאן אנהייבען ארבייטען ערשט דענסטמאל ווען עס וועט שוין זיין 200,000 פונט.

אז עס וועט שוין די דאזיגע סומע זיין קאן מען מיט א העלפט געלד אנהייבען צו קויפען לאנד אין פאלעסטינא און דאס איבריגע זאל בלייבען ליגען אלס פאנד.

נאר אויב דריי פערטעל פון די וואס האבען צו זאגען איבערן נאציאנאל-פאנד וועלען געפינען פאר נייטיג צו קויפען לאנד נאך איידער עס וועט זיין די 200,000 פונט, מעגען זיי קויפען.

די צעהנטע זיצונג.

דאנערשטאג 4 דעם זייגער נאכמיטאג.

א דעלעגירטער פון ארגענטינע שילדערט די דארטיגע יודישע לאגע, דערנאך לייענט ה' וואלפזאהן דעם חשבון פון קאלאניאל-באנק, און איז מודיע, אז עס איז צו האפען, אז די רוסישע רעגירונג וועט אראבנעמען דעם איסור פון די אקציעס און וועט ערלויבען עפנען אין רוסלאנד אבטיילונגען פון קאלאניאל-באנק. ה' סאקאלאוו איז מודיע וועגען דער ענציקלאפעדיע. ד"ר סאסקין לעגט פאר מען זאל שיקען א וויסענשאפטליכע קאמיסיע אויספארשטען פאלעסטינא. ד"ר האנטקע אין נאמען פון די דייטשע דעלעגירטע איז דערצו מסכים און פארלאנגט צו דעם צוועק פון קאנגרעס 15,000 פראנק, מען נעמט עס אן, אהן שום וכוחים.

די לעצטע זיצונג.

פרייטאג.

אין די לעצטע זיצונג איז אנגענומען געווארען מען זאל תיכף אנהויבען קויפען פון דעם נאציאנאל-פאנד-געלד לאנד אין פאלעסטינא, און נישט ווארטען ביז עס וועט זיין 200,000 פונט.

ד"ר הערצל האלט די שלום רעדע, ער פארזיכערט פעסט, אז נישט איין איינציגע רגע וועט ער ציון ארויסלאזען פון זינען, מיט א ציטריג קול זאגט ער אויף לשון הקדש „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני". ד"ר הערצל ענדיגט זיין רעדע און איז מודיע, אז דער קאנגרעס איז געשלאסען, מען קלויבט איהם אויס צום פרעזידענט פון אקציאנס-קאמיטעט. די וואהל ווערד אנגענומען מיט גרויס התלהבות.

א לארם און א געשריי פון „הידד" הערט א לאנגע צייט נישט אויף. אלע חברים פון קאנגרעס שטעלען זיך אויף, מען זינגט די „התקוה" מיט גרויס התלהבות. זינגענדיג „עוד לא אבדה תקותנו" ציטערען די פענסטער פון קאזינא.

מען מאכט דעם ד"ר הערצל און די פארשטעהער גרויסע אוואציעס, מען האלט א סך רעדען אויף לשון הקדש. און שרייענדיג „לשנה הבאה בירושלים" פארלאזט מען דעם זאל.

נייעס פון דער וואך.

I. וועלט נייעס.

— מאנטאג דעם 24 אויגוסט איז א שרעקליכע שרפה אויסגעבראכען אין א גרויס געשעפט אין בודאפעסט, און עס זענען פארברענט געווארען מעהר אלס 50 נפשות, דאס רוב יודען און א-ך פארוואונדעטע, דער היזק בעטרעפט פיער מיליאנען קראנען. דער קייזער פראנץ יאזעף האט בעזוכט די פערוואונדעטע און האט זיי געטרייסט.

— צו דעם משפט פון דעם רוצח, וואס האט גע'הרג'עט דעם רוסישען קאנסול ראסטקאווסקי, האט מען נאר צוגעלאזען די פארשטעהער פון די פרעמדע מלוכות און זיי האבען גפועל'ט מען זאל אויך צולאזען צוויי קארעספאנדענטען. דער פארוואלטער פון דעם רוסישען קאנסולאט אין ביטאלי א. נ. מאנדעלשטאם איז געוועזען דער פראקוראר ביין משפט, און אויף דעם איינענעם ארט, וואו מען האט דעם קאנסול ראסטקאווסקי געהרג'עט האט מען די ביידע רוצחים אויפגעהאנגען, די לעצטע ווערטער פון די פאר'משפט'ע איז געוועזען: אללאה! זיי זיך נוקם פאר אונז!

— דער פינאנץ-מיניסטער וויטע איז בעשטימט אלס פרעזידענט פון מיניסטארען-קאמיטעט.

— דער פיהרער פון קייזערליכע באנק פלעסקע איז בעשטימט אלס פיהרער פון פינאנץ-מיניסטעריום.

II. יודישע נייעס.

רוסלאנד. דער רוסישער פינאנץ-מיניסטער וויטע האט געדאנקט איינינע אפיציערען, וועלכע שטעהען מיט זייערע מיליטער אין בעסעראביע דערפאר, וואס זיי האבען נישט דערלאזט צו קיין פאגראמען, וואס עס האט געזאלט זיין דעם פארגאנגענעם אפריל אין דער שטאדט קיליאל.

— פון קישינוב שרייבט מען אין די רוסישע צייטונגען, אז די פארשטעהער פון יק"א אין רוסלאנד זענען ווידער געקומען אין קישינוב, די אויסוואנדערונג פון דארטען ווערד אלץ גרעסער.

— דער רוסישער קייזער האט געגעבען איין אלערהעכסטען בעפעהל, מען זאל ערלויבען די יודען אין פינלאנד צו קוילען בהמות לויט די יודישע שחיטה. מיט דעם דאזיגען בעפעהל האט דער רוסישער קייזער מבטל געוועזען די גזרה, וואס איז גרייט געווען צו אסר'ען שחיטה אין פינלאנד.

— די רעגירונג האט בעשטעטיגט דעם תקנות־בוך פון דער ערשטער יודישער חברה, וואס די מינסקער ארבייטער און בעלי מלאכות האבען געגרינדעט.

— אויף דעם זעקסטען קאנגרעס אין באזעל האט ה' נ. סאקאלאוו, דער רעדאקטאר פון „הצפירה", מודיע געוועזען, אז ה' טוראק אויס קאפשטאדט (אפריקא) האט איינגעלעגט א געוויסע סומע פאר דער אלגעמיינער יודישע ענציקלאפעדיע, וואס מיט דעם וועט מען קענען אויסהאלטען אלע הוצאות, דער ריינער רוח וועט אויסגעגעבען ווערען אויף ציוניסטישע צוועקען.

— פרוי יונגערמאן אויס אדעסא איז געבליבען איין אלמנה, דער מאן איהרער איז געשטארבען אהן קינדער און זי האט געמוזט אנקומען צו איהר שוואגער, דעם מאנס ברודער, ער זאל איהר געבען חליצה. יעקב, דער שוואגער, האט אבער פערלאנגט דערפאר 1000 רובל. די ארימע יונגע אלמנה האט אבער מעהר ווי 200 רובל נישט געקאנט געבען און פאר גרויס צער און עגמת־נפש האט זיך די אלמנה געוואלט פארגיפטען, עס איז געראטהען איהר אבצוראטעווען, דאס האט אבער אויף איהר שוואגער קיין רושם נישט געמאכט און איז אלץ געבליבען ביי זיין ערשטען פערלאנג. די אומגליקליכע אלמנה האט זיך ווידער געפריווט נעמען דאס לעבען, דאס מאל שוין מיט הענגען זיך, נאר ווידער איז גראד אנגעקומען א פרוי און האט איהר דעם שטריק פון האלז אראבגענומען. פרוי יונגערמאן האט זיך געווענדט צום רב, דאס האט אבער גאר נישט געהאלפען, און סוף כל סוף האט זיך די אומגליקליכע אלמנה בעשלאסען צו פערררייזען, נאר אזוי ווי זי האט נישט געהאט קיין דאקומענטען האט זי זיך אויסגעזוכט אזוינע „גוטע ברידער", וואס האבען איהר פאר 50 רובל צוגעשטעלט א פאס. אויפ'ן שיף ביים קאנטראלירען די בילעטען האט די פאליציי דערוואוסט, אז יונגערמאן פאהרט אויף א פאלשען פאס און מען האט די אומגליקליכע אוועקגעפיהרט אין אסטראג.

* * *

איך האב אין א פינסטערער נאכט
די טיר און די לאדען פארמאכט
און האב זיך בעחשבונ'ט מיט שרעק:
אין וואס איז מיין לעבען אוועק...

און ווי דורך א שפאלט האט געטאגט,
האט עלענד מיין הארץ זיך געקלאגט;
געקלאגט און געציפט און געקלעמט:
איך האב פאר דער זון זיך געשעמט...

* * *

ביטער איז געוועזען מיין „נעכטען"
און מיין „היינט„ איז פול מיט זארגען
און דער היינט און נעכטען מיינער
שאפען, וועבען מיר מיין „מארגען".

י א זעלכע צוויי שלימזל'ס
קאנען רעכטס דען עפיס מאכען?
ס'וועט ארויסקומען א מארגען
נאר צום חוזק'ען, צום לאכען...

א. רייזען.

ליטעראטור און קונסט

— עס איז ארויס פון דרוק דאס דריטע העפט „קרית ספר" אונטער די רעדאקציע פון ה' בנימין צבי שיינפינקעל. אין דעם דאזיגען העפט געפינען זיך די ארטיקלען: מספר הגיטו החדש. א. ליבאשיצקי, מערכת ספרים, הספרים שהגיעו אל המערכת, נדבות ספרים „להבית הנאמן", פליטת סופרים: מכתב הר' שלמה מאנדעלקערן להר"י רייפמאן. — רזא דרזין, א. דיינארד.

— הזמיר. שירי ילדים לזמרה ולמקרא. (קינדער לידער צו זינגען און צו לייענען) אויסגאבע „מיריה". אדעסא תרס"ג.

אין דעם דאזיגען קינדער זאמעל־בוך, וועלכעס איז רעדאגירט דורך נ. פינס, געפינען זיך פיעל צונויפגעזאמעלטע לידער, פון פערשידענע העברייאישע דיכטער, ווי י. ל. גארדאן, ש. ל. גארדאן, ז. יעבץ, י. כהן, מיכה לעבענזאן, צבי מאנע, ש. פרוג און אנדערע און נייע לידער פון ח. נ. ביאליק און ש. טשערניחאווסקי.

דאס זאמעל־בוך, איז געדרוקט אויף א שען פאפיר מיט שענע שריפט און עס פארדיענט סאי מיט זיין אינהאלט, סאי מיט זיין אויסזעהען זיך צו געפינען אין יעדע יודיש הויז, וואס לערנען זייערע קינדער העברייאיש.

אלערליי.

— דער נייער פאפסט און שבת. דאס ענגלישע בלאט „דזואיש קראניקעל" שרייבט מען פון רוים: דער נייער פאפסט פיאוס דער צעהנטער איז זעהר בעליבט ביי די יודען פון ווענעדיג, וואו ער איז געוועזען פאטריארך. מען דערציילט, אז אמאל האט ער באגעגענט א יודישען קרעמער, ביי וועלכען זיינע שוועסטערס פלעגען קויפען פערשידענע זאכען, ארומטראגענדיג זיינע סחורות אים שבת. דער פאטריארך סארטא, דער היינטיגער פאפסט, האט זיך צו איהם געווענדעט און געזאגט, אז דו וועסט נאך אמאל מחלל שבת זיין, וועל איך דיר אויף מיין שוועל נישט ארויפלאזען. — עס איז בעקאנט, אז ווען דער פאפסט איז געווען קאנאניק אין טרעוויזא איז ער געווען הויז־לעהרער ביי דער יודישער פאמיליע יקר.

צוויי הערצער. אין דער שטאדט פאטערסאהן (אמעריקא) געפינט זיך א יונגער מאן פון 25 יאהר, וועלכער האט געוואלט דיענען פרייוויליג אין דער מלחמה, וואס איז געוועזען צווישען שפאניע און אמעריקא. בשעת די דאקטוירים האבען דעם דאזיגען יונגעז מאן אונטערזוכט, האבען זיי ארויסגעפונען, אז ביי איהם קלאפען צוויי הערצער, אנדערע דאקטוירים, וועלכע האבען דעם וואונדערליכען יונגען מאן אונטערזוכט, האבען אויך דאס אייגענע געפונען,ביידע הערצער קלאפען גלייך און זענען ביידע גלייך די גרויס.

וואו איז די מנורה? דער איטאליענישער געלעהרנטער וויספי לענד ווייזט אויף, אז אויף דעם גרונט פונ'ם טייך טיבער געפינען

זיך אַ סך טייערע חפצים, גאָלדענע און זילבערנע, כלי־זיין פון פאַר־שיעדענע מעטאַלען און אויך די מנורה פון בית־המקדש, ווי מען מעלדעט האָט זיך געגרינדעט אַ געזעלשאַפט מיט אַ קאַפּיטאַל פון אַנדערהאַלבען מיליאָן אַרויסצובעקומען די דאָזיגע אוצרות פון תהום.

יודישע פרויענוועלט

I. אַלגעמיינע נייעס.

— דער מיניסטער פאַר פאָלקס־בילדונג אין אונגאַרן האָט פאַר־באָטען די שילערינען פון די שולען צו טראָגען קאָרסעטען, ווייל זיי שאַטען צום געזונט.

— חינעזישע פרויען, וואָס האָבען בעזוכט דעם טאָקיער אוני־ווערזיטעט, האָבען געגרינדעט אַ פעראיין פון רויטען קרייץ און האָבען פאַרגעלענט דער חינעזישער רעגירונג זייער אַרבייט בשעת אַ מלחמה.

— אין דייטשלאַנד האָט מען בעשלאָסען אַריינצונעמען צום „יוריסטען־טאַג", וואָס וועט אין קורצען זיין אין דייטשלאַנד אויך פרויען־יוריסטען.

II. יודישע נייעס.

— אין וואַרשא איז אָנגעקומען די ערשטע קאָמי־וואָיאַזשאָרין, וועלכע איז געשיקט געוואָרען פון אַ דייטשער גרויסע פירמאַ פון נאַ־לאַנטריי סחורה. די דאָזיגע קאָמי־וואָיאַזשאָרין איז אַ יודישעס פרייליין אוים פראַנקרייך און פאַרשטעהט גוט איינינע שפּראַכען.

רעדאַקטאָר: מ. ספּעקטאָר.
פערלאַג „פאָלקסבילדונג".

אין גיכסטען וועט צעשיקט ווערען די אַבאָנענטען פון די „יודישע פאָלקס־צייטונג" דער

צווייטער באַנד

פון

„שלום־עליכם'ס אַלע ווערק".

אינהאַלט.

מעשות פאַר יודישע קינדער:

I. חנוכּה געלד,
II. אחשורוש,
III. פאַרשטערטער פּסח,
IV. ל״ג בעומר,
V. די פאָהן,
VI. ראַבטשיק,
VII. מתושלח,
VIII. דער זייגער,
IX. סענדער בלאַנק (ערצעהלונג).

לא תחסר בהתנ"ך הזה. | גדל התניך כגדל המודעה הזאת. | כל נקודה ונקודה

הראיתם
את התנ"ך הנפלא
המכונה
טאשען־תנ"ך
היצאת מ. שי?לין?

ההדפסה היפה, הכריכה המהודרה, הפורמט הנפלא והמחיר המצער עושים את התנ"ך הנפלא הזה לספר הכרחי ושוה לכל נפש.

על התערוכה של מלאכת־מחשבת (קונסטאויסשטעללונג) בפילדלפיה זכתה ההוצאה הזאת להפרס היותר גדול.

מחירו: מכורך בד יפה 75 ק'. מכורך יפה עם גאָלדשניטט 1.10 ר'. מכורך עור מהודר 1.75 ר'. פאר' 10 ק', בנ"נ 25 ק'.

כמו כן נמצא להמכר
התנ"ך מעדאליאן
במחיר רובל אחד לשולחים כסף מראש או בנ"נ בעד 1.17 רובל.
המכירה נמסרה רק להוצאת „תושיה" בורשה:

הוצאת „תושיה".

ספרי למוד

מאת **י. גרזובסקי**, מורה בבתי הספר העברים **בארץ ישראל.**

ראשית למודי שפת עבר.

מתודה, בנקוד ובלי נקוד, עם תרגום המלים ברוסית ואשכנזית (באותיות עבריות). ועם תרגילים רבים להתחנך בדבור העברי.

הספר נועד לילדים היודעים אך לקרוא ולכתוב. המחבר שם לב לתת לפני התלמידים הרכים מאמרים וספורים ושיחות אך מחייהם, מהחיים הקרובים אל לבם ואל רוחם, הסובבים אותם יום יום בבית, בביה"ס ובחוץ. בכל יכלתו השתדל להרגילם ע"י המאמרים הקצרים והספורים אל הדבור, נתן להם היכולת לדבר ולספר את אשר הם יודעים, מבלי להעמיס על מוח הילד את כללי הדקדוק השונים להלכה, נתן לפניו תרגילים רבים להסבין אל החוקים, מבלי אשר ידע כי חוקים הם, ולהתחנך בהם אך ע"י ההרגל והנסיון. גם באו בהספר הזה ספורים קלים שונים לילדים, באופן אשר המורה הנבון ימצא לו תמיד ענין לענות בו ושאל את התלמיד בעברית שאלות שונות, מאותו ענין שהוא קורא, והתלמיד יענה לו ג"כ בעברית, לפעמים בעזרת המורה. בעבור התלמיד על כל הספר ירכש לו כאלף מלים היותר נצרכות ודרושות תדירות ורגילות בדבור ובשיחות.

מחיר הספר 50 ק', מכ' בניר 60 ק', בבד 65 ק', פארטא 8 ק'.

בית ספר עברי.

חלק ראשון. ספר למוד למתחילים, ערוך ביחוד לתכלית הרגלת התלמידים בשמוש שפת עבר בתור שפה חיה ומדוברת.

מחירו 25 ק', מכ' בניר 30 ק', בבד 35 ק', פאר' 4 ק'.

חלק שני. גם הוא נועד לתלמידים הלומדים עברית בעברית, אולם גם ללומדים עברית בתרגום לשפה אחרת ויהיה לספר למוד וקריאה מענין, נחוץ ומועיל. — בשני החלקים האלה באו כללי הדקדוק ושמוש הלשון היותר נחוצים, ומאמרים וספורים יפים למקרא.

מחיר ח"ב 50 ק', מכורך פשוט 60 ק', בבד 65 ק', פאר' 10 ק'.

חלק שלישי (מחזיק 265 עמודים). קובץ פרקי־מקרא שונים לבני הנעורים — ספורים, ציורים, שירים, משלים, פרקים מדברי ימי ישראל וכו' וכו' — מעשי ידי טובי הפרגונים והסופרים העברים.

מחירו 75 ק', מכ' פשוט 85 ק', בבד 90 ק', פאר' 12 ק'.

מחיר כל שלשת החלקים 1.50 ר', מכורכים יחד בניר 1.65 ר', בבד 1.70 ר'.

Книгоиздат. „Тушія" Варшава. Verlag „Tuschijah" Wars

Herausgeber Verlag Volksbildung. Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher. Krakau. Druck v. S. L. Deutscher Podgorze b. Krakau

בבית־מסחר־ספרים של.
ז. ש. שרעבערק, ווילנא, סטעפענג.
נמכרים כל מיני ספרים בתנאים נאותים.
Книжн. магаз. З. Ш. Сребсрка, 225 Вильн. 50—11

פריוואט־אנשטאלט פון קינדבעטורין פון ד"ר וואוועלבערג, לעשנא 79, ווארשא נעהמט אן ארעמע קינדבע־טורינס אומזאנסט. פיר פערמעגלי־כע בעזונדערע צימער פאר צאהלונג. אומזאנסטער אמבולאטאריום פיר פרויען־קראנקהייטען פון 10 ביז 12
231 פריה. (20—11)


נעגעז מערידען און פוקל'עס!
אפאראט וועלכער היילט גרינדליך אהנע אפעראציע. פרייז 2 ר' 50 קאפ.
Д. МОШКОВСКІЙ Варшава, Налевки 37.
(55) (15—)

ביבליותיקה לבני הנעורים (הוצאת „תושיה"):

I לילדים:

1) קובץ שיחות קטן (שיחה) מאת ר. גוסטפסון, תר' נ. פינס. 2) ידידי המלך עמינדב (שיחה) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 3) הרועה ובת המלך (אגדה) —הנ"ל, תר' י. ב. לבנר. 4) א] המלך אשר שנתו נגזלה, ב] פרחי ששון (אגדות)—הנ"ל, תר' הנ"ל. 5) ארבעים שודדים (אגדה ערבית)—תר' מ. סילמן. 6) שלשה אחים (שיחה)—ר. גוסטפסון, תר' נ. פינס. 7) רחוב הזהב (אגדה עברית)—ל. ויזל, תר' י. ב. לבנר. 10—8) א] עשר ואשר, ב] גדול העליליה (אגדות ערביות)—תר' הנ"ל. 12, 11) א] גמול ישרים או רחוב מזל, ב] הרמב"ם והעלם האלם (אגדות עבריות) — ל. ויזל, תר' הנ"ל. 13) החבצלות (ספור)—רוטשטיין, תר' נ. פינס. 14) הכליף־החסידה (אגדה) — הויף. תר' י. ב. לבנר. 15) א] פרעה מלך מצרים (ספור הסטורי) — ד' ספירל, ב] בלב־ים (אגדה מדרשית)—תר' הנ"ל, 16) איש בלי לב (אגדה אנגלית)—תר' א. ליבושיצקי. 17) הדיג והדגה (אגדה בחרוזים) — א. ס. פושקין, תר' הנ"ל. 18) ל"ג בעומר (ספור) — ש. דינר. 19) הכלה האמתית (אגדה) — האחים גרים, תר' ש. ברמן. 20) יוחנן הנאמן (אגדה) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 21, 22) א] הרח אוהב הכסף (ספור התולים), ב] עשיר אמלל (אגדה) —תר' מ. סילמן. 23) המלך שלמה ומשחקי השח־מט (אגדה מזרחית) — תר' א. ב.. 24) רב אבן (אגדה עברית) —ל. פיליפזון, תר' פ. קפלן. 25) אח ואחות (ספור)—תר' הנ"ל. 26) גלית הנדיב (ספור)—תר' א. ליבושיצקי. 27) לבנת שלג (אגדה) – האחים גרים, תר' ש. ברמן. 28) השר ושלש שערות הזהב (אגדה) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 29) א] בית היער, ב] הנחש הלבן (אגדות)—הנ"ל, תר' הנ"ל. 30) א] הברקת, ב] אשר ועני (ספורים)—י. ב. לבנר. 54—31) כל אגדות ישראל (חלק א', 24 חוברות) — הנ"ל. 55) ילד מצל (שיחה)—א. ברוסילובסקי. 58—56) משלי ילדים (3 חוברות) — שלמון. 59,60 מעשה בנבוכדנצר שנהפך לדב (ספור) — י. צ. לוין. 75—61) למען אחי הקטנים (שירים מקוריים ומתרגמים, 15 חוברות) — א. ליבושיצקי. 78 — 76) מיגון לשמחה (ספור)—כ. שמידט, תר' י. ב. לבנר. 79) ימים מקדם (ספור) — מ. הורליק. 80) ילדים עובדים (ג' ספורים: 1] יעקב, 2] ימימה, 3] רחביה)—י. גרזובסקי. 90 - 81) שיחות ילדים (10 חוברות) — י. שטינברג. 93—91) למך ולמך (ספור־אגדה)—י. צ. לוין. 95—94) נח בתבה (ספור־אגדה) — הנ"ל, 97—96) העצמות היבשות (ספור־אגדה) — הנ"ל. 99—98) הפחה הרועה (אגדת בני קדם) — תר' ב. רובינוק. 100) מעשה בבן מלך (אגדה)—הנ"ל. 101) א] החסידה, ב] החידה (אגדות)—האחים גרים, תר' ש. ברמן. 102) א] יקטן הנבון, ב] זלפה החכמה, ג] המסחר הטוב (אגדות)— הנ"ל, תר' הנ"ל. 103) א] מלך הר הזהב, ב] שרית ושלמה (אגדות)— הנ"ל—הנ"ל. 104) א] ארון הזכוכית, ב] החתן השודד (אגדות)—הנ"ל, תר' הנ"ל. 105) עפר האילים (אגדה) —הנ"ל, תר' הנ"ל. 106) בת יחידה (ספור)—תר' א. ליבושיצקי. 107) המומרת הקטנה (ספור)—תר' הנ"ל. 108) א] המשורר העני, ב] דבורה הזקנה (ספורים) - תר' הנ"ל. 109) מעשה בשלטן אחד (אגדה ערבית) —תר' הנ"ל. 110 א] המלאך הגואל, ב] הכוכבים שאבדו (פנטסיות) — תר' הנ"ל. 155—111) כל אגדות ישראל (חלק ב', 45 חוב')—י. ב. לבנר. 156) צפור־הזהב (אגדה)—האחים גרים, תר' ש. ברמן. 157) ההיט אמיץ הלב (אגדה) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 158) רמוצה (אגדה)— הנ"ל, תר' הנ"ל. 159) א] כפה ארומה, ב] הקציעה (אגדות)—הנ"ל, תר' הנ"ל. 160) רעת האוזים (אגדה) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 163—161) בני המלך והלביא (אגדה מזרחית, ג' חוב') — תר' ח. ד. רוזנשטיין. 164) דבורה (אגדה) — תר' פ. קפלן. 165) אי־הסוף (אגדה)—תר' א. רוזט. 166) חכמה נפלאה (ספור)—תר' חיים רבינוביץ. 167,168) א] רבי אליעזר בן הורקנוס (תולדה)—י. מיוחס, ב] מעשה באיש מופת (ספור) — ק. ל. סילמן. 169, 170) שולמית (אגדה, מימי שלמה מלך ישראל)—י. שטינברג. 171) א] גבה מעל גבה (משל), ב] המנדרין והבנדיחן (בדיחה)—תר' י. ב. לבנר.

מחיר כל נומר 4 ק'. פאר' לכל חוברת או לשלש ביחד 2 ק'; כל 5 נומרים בכרך קטן אחד מכ' בבד ארום מחירו 25 ק'. פאר' 4 ק'; כל 10 נומרים בכרך אחד מכ' 50 ק'. פאר' 6 ק'; כל 15 נומרים בכרך אחד מכורך הדר בבד 75 ק'. פאר' 10 ק'.

מחיר כל אגדות ישראל מאת י. ב. לבנר (מאשר מטעה"מ) (פורמט קטן) ח"א מכ' הדר 1.45 ר'. פאר' 14 קאפ; ח"ב בשני כרכים מכ' הדר כ"א 1.05 ר'. פארטא לכ"א 14 קאפ'.

מחיר ילקוט ספורים (י"ר ספורים) מאת י. ב. לבנר (מאשר מטעה"מ) 56 ק', מכ' הדר 70 ק'. פאר' 10 ק'.

II לנערים:

1] א—ב) מלחמת אחים (ספור ע"פ ו. הוגא). י. ב. לבנר.
2) ג) אגריפס הראשון (ציור הסטורי). א. ז. רבינוביץ.
3] ד—ה) השבוי בקוקז (ספיר. טולסטוי) הר' הנ"ל.
4] ו—י) המוהיקני האחרון ספיר ע"פ קופר). י. ב. לבנר.
5] יא—יג) אי בורניא (ספור מסע ע"פ מיין־ריד). א. ז. רבינוביץ.
6] יד) בני משה (אגדה). ל. מקלר.
7] טו) הנדחים בירכתי צפון (ספור־מסע). תר' מ. ס. איזנשטדט.
8] טז—כ) מגבורי האומה (תולדות ישראל ע"י ביוגרפיות) 5 חוברות: 1) עזרא ונחמיה; 2) שמעון הצדיק וחוניו בנו; 3) יהודה המכבי; 4) שמעון בן שטח ושלומית אחותו; 5) הלל הבבלי (הזקן). ש. ברמן.
9] כא—כה) בן המלך והעני (ספור ע"פ מרק טוען). 5 חוברות. י. גרזובסקי.
10) כו—כט) האח העור (ספור ע"פ גרן). 4 חוברות. י. ב. לבנר.
11] ל) הצעד הראשון (ספור). תר' פ. קפלן.
12] לא—לה) מחיי הטבע (ספורים מחיי החיות, פ. ברנדל) 5 חוברות. תר' י. גרזובסקי.
13] לו—נ) מגבורי האומה (כנ"ל 15 חוברות: 6) רבן גמליאל הזקן; 7) אלעזר בן חנניה הכהן ויוחנן בן לוי מגוש חלב; 8) רבי יוחנן בן זכאי 9) רבן גמליאל דיבנה; 10) רבי יהושע בן חנניה; 11) רבי טרפון; 12) רבי ישמעאל בן אלישע; 13) רבי עקיבה בן יוסף; 14) שמעון בר־כוכבא; 15) רבי מאיר; 16) רבן שמעון בן גמליאל; 17) רבי שמעון בן יוחאי; 18) רבי יוסי בן חלפתא; 19) רבי יהודה הנשיא, חוברת א'; 20) רבי יהודה הנשיא, חוברת ד'. ש. ברמן.
14] נא—נב) הנודד הקטן (ספור, ה. אמיצים). 2 חוב', תר' א. ליבושיצקי.
15] נג—נד) ברונא הנודד (ספור). תר' א. הייבשוביץ.
16] נה) שני המלכים (ספור). תר' ב. רובינוק.
17] נז) נחל רמעה (אגדה קוקזית), תר' הנ"ל.
18] נז—נח) יונת המלכה (אגדה). תר' מ. רודיוב.
19] נט—ס) חכמת העמים (מספורי לבולי). תר' י. גרזובסקי.
20] סא—ע) מגבורי האומה (כנ"ל 10 חוברות: 1) רבי חנינא בן חמא; 2) רב (אבא אריכא); 3) הנ"ל; 4) שמואל (ירחינאי); 5) רבי יוחנן בן נפחא; 6) הנ"ל; 7) רבי שמעון בן לקיש (ריש לקיש); 8) רב הונא ורב יהודה; 9) רבי אבוהו; 10) רבה ורב יוסף. שלמה ברמן.
21] עא—עג) 1) אהבת אם (ספור), 2) יחזקאל (ספור). י. שטינברג.
22] עד) 1) שכולה, 2) כתב הזבובים, 3) האח והאחות, 4) החסיד והחסידה (מעשיות). הנ"ל.
23] עה) 1) ישרח בת אשר, 2) צפורה (אגדות). י. שטינברג.
24] עו) 1) חץ תשועה, 2) מלת פלאים (אגדות). הנ"ל.
25] עז) 1) תמרים של המשה עשר, 2) גזר הדין (אגדות). הנ"ל.
26] עח, עט) 1) צחוק שפתים (ספור), 2) האשף (ספור) י. ב. לבנר.
27] פ) במקום דרשה (מחזה לילדים). י. ח. טביוב.
28] פא) נשף פורים (מחזה לילדים במערכה אחת). מ. מונסבין.
29] פב) החמסן הקטן (חזיון בעלילה אחת וחמשה מחזות). ט. הורליק.
30] פג—פד) מוסר נער רע (חזיון בשמונה עשר מחזות). תר' הנ"ל.
31] פה) העניים (חזיון בעלילה אחת וחמשה מחזות). תר' י. כ. זרקינד.
32] פו—צ) מחיי הטבע (ספורים מחיי החיות, פ. ברנדל). תר' י. גרזובסקי.
33] צא) מחיי הילדים בארץ ישראל (ספורים). חמדה בן־יהודה.

מחיר כל נומר 6 ק'. פאר' לאחד או לשנים 2 ק'; כל 5 נומרים מכ' בכריכה יפה 40 ק'. פאר' 6; כל 10 נומרים מכ' הדר 80 ק'. פאר' 10 ק'.

אומזוסט אהן געלד!!
שיקט מען יעדען א ביכעל וועגען שניידען און נייהען אלערליי מלבושים. אדרעסע:
Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варшава.

ТОЛЬКО нѣсколькими рублями можетъ каждый завести постоянный хорошій заработокъ у себя дома. Объясненіе безплатно.
Адресъ: Я. Найдичъ, Варшава.

בבית מסחר הספרים
י. ראזומאווסקי בברדיטשוב
ובהמחלקה שלו בווארשא, נאלעווקי 34 אצל א. ציילענגאלד נמכרים כל מיני ספרים במקחים נמוכים. (617) 15 50

הוצאת „תושיה".

פרקי תלמוד

כריסטומתיה תלמודית למתחילים (כלה מנקדה), עם תרגום המלות התלמודיות ברוסית ואשכנזית (באותיות עבריות), ועם הערות מבארות את המקומות הקשים

מאת א. ל. ביסקא.

הספר הזה מכיל לקוטים שונים מן התלמוד: פתגמים, משלים, אגדות, ספורים, דברי מוסר וגם עניני הלכה, מסודרים בהדרגה נכונה מן הקל אל הכבד, ומחולקים לפרקים ושעורים; ולפני כל שעור מתורגמות המלים התלמודיות שתבאנה בו ברוסית ואשכנזית.

הספר הזה ימלא באמת הסרון המורגש מאד בספרות הפדגוגית, כי מלבד אשר יהיה בכלל כעין פרוזדור של הספרות התלמודית לאלה הרוצים להתעסק בלמוד התלמוד, נועד גם בעד הרוב הגדול של התלמידים העברים, שאינם יכולים להקדיש את זמנם ללמוד התלמוד עצמו והפצים לרכוש להם, מלבד ידיעתם בכתבי הקדש ושפת עבר בכלל, גם מושג נכון ע"ד הספרות התלמודית, רוחה, סגנונה ושפתה. גם יהיה לעזר לכל הרוצים להשתלם בידיעת שפתנו בתקופות התפתחותה אחרי כתבי הקדש.

מחירו 40 ק', מכורך 50 ק', בבד 55 ק'. פארטא 6 ק'.

Книгоизд. „Тушія" Варшава.

Verlag »Tuschijah« Warschau.

בית־מסחר ספרים
ב. צ. שיינפינקעל
ווארשא זלאטע 63
מוכר, קונה ומחליף כל מיני ספרים בתנאים נאותים למאד. (210) 16 50

Оптическо-Хирургический складъ
П. ПИКЪ
Налевки 35 Варшава

ה ק ש ת

ירחון-מצויר לעניני החיים, הספרות והאמנות.

עורך ע"י יוסף ליאן

ויוצא לאור בברלין בהשתתפות טובי הסופרים, החכמים והאמנים העברים במזרח ובמערב, וביניהם גם: ראובן בריינין, דר. ש. ברנפלד, ח. נ. ביאליק ל. ברוכביין, בן-יהודה, מרטין בובר, גרשום באדר, ש. ל. גרדן, עזרא גולדין, דר. ע. גינציג, א. מ. גנצר, דר. תיאודור הרצל, מ. מ. הורוויץ נ. טירב, דוד טריעטש, שאול טשרניחובסקי, פרופ. יהושע ליאון, מ. ל. ליליענבלום, א. ליבושיצקי, אפרים משה ליליען, ליפמן לעווין, ברון פאן מינכהויזען, דר. מקס נרדוי, דר. אלפרד נוסיג, דר. נחום סלושץ, דוד פרישמן, ברטולד פייוועל, נ. פינס, דר. צבי פרבשטיין, מורה האוניברסיתה דר. ישראל פרידלנדר, דר. תיאודור צלאציסטי, הלל צייטלין, ש. ל. ציטרון, דר. יוסף קלויזנר, משה קליינמן, פרופ. רוזנבערג, דר. י. רנצר, י. רבינוביץ, יהודה שטיינברג, הצירים הרמן שטרוק, לסר אורי, ל. פיליחובסקי, ש. הירשנברג ועוד ועוד.

הירחון החדש „הקשת" ישאף להספיק את התביעות והדרישות התרבותיות, העבריות והאנושיות, של היהודי בן-דורנו; להרים את רוח הקהל העברי ולשכלל את טעמו הספרותי; להפיץ ולפתח במחננו את דעת האמנות ורגש היופי; להאדיר ולהגביר את רוח התחיה והתקומה הלאומית בכל צדדיה וגוניה.

תכן-הענינים אשר יבואו ב„הקשת":

א) סקירות כוללות על כל החזיונות הנכבדים והחדשים בחיים העברים והכלליים, העומדים או הראוים להעמר על הפרק.
ב) „הקשת" תאיר על המחזות, השאיפות והזרמים הספרותיים בישראל ובעמים; כמו כן תבאנה מעת לעת מסות-כפרותיות (איסיים) ע"ד מקצועות שונים בספרות, אמנות ומדע ועל אדות חכמים, סופרים ואמנים עברים ולועזים. בפרק הזה גם יעירו את הקוראים על ספרים ועתונים חדשים בספרות שונות.
ג) פרקים באמנות: כציור, פסול, בנאות, השירה והזמרה, חזיונות בתי-המשחק בישראל ובעמים.
ד) ציורים ותמונות מגדולי הצירים והאמנים, מנגינות לשירים עברים-לאומיים, הנאותים גם לשיר במקהלות ובאגודות.
ה) חלק הספרות היפה: 1 ספורים, ציורים, הומרסקות, שרטוטים ורשמי-מסע; 2 שירים; 3 בדיחות וחדודים, פתגמים ומכתמים.
ו) מאמרי מדע פפלריים, פרקים בחינוך הגוף והרוח.
ז) ידיעות שונות

„הקשת" נוסדה על בסיס חמרי נאמן ונכון, המבטיח את קיומה מראש. מחירה רק: 7 מרק או 3.50 רו"כ לשנה; 3.50 מרק או 2 רו"כ לששה ירחים; 2 מרק או 1 רו"כ לרבע שנה. ובערך זה גם לשער כספים האחרים.

לסוכנים הנחה הגונה.

(247) כתבת „הקשת": 2—3

LEWENT'sche Buchdruckerei, Verlag des **Hakescheth**,
Berlin, Lindenstr. 93.

אפשר לחתום על „הקשת" גם ע"י הפוסטה. וע"י כל בתי מסחר הספרים הגדולים. ברוסיה אפשר לחתום על „הקשת" גם ע"י בימ"ס הספרים של מר חיים יעקב שעפעל בקיוב. כתבתו כשמו.

פאבריק פון אייזערנע קאסעטקעס (קליינע קאסעלעך)

A. LAMPRECHT

CZERNIAKOWSKA 98, W WARSZAWIE

עמפפעהלט אויטאמאטישע שפאר-קאסעס שטארק און שען געארבייט.
אנגרא פערקויף אין דער פאבריק

240 איינצעל פערקויף אין ווארשא ביי: 8—5

K. BRUN, PLAC TEATRALNY.

ווינש-קארטען (לשנה-טובה)

עם ציורים מציון!

פראכטפאללע ארבייט! 20 סארטען ווינש-קארטען (פאסט-קארטען) מיט פערשידענע שענע בילדער מארץ הקדושה. פרייז פאר א קאלעקציאן פון 20 שטיק מיט פרטא 50 קאפ. סוחרים און ציוניסטישע פעראיינען בעקומען גרויסען ראבאט.

אויך געפינט זיך א פרעכטיגער אונגעהייער גרויסער אויסוואהל פערשידענע שענע סארטען אויסלאנדישע ווינש-קארטען, אנטיקען אונגעהייער ביליג! פאר 5 רובל בעקומט מען א פאלשטענדיגע קאלעקציאן ווינש-קארטען (וועניגער פון 2 רובל ווינש-קארטען ווערט מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט, ביז 1 רובל קען מען שיקען מיט פאסט-מארקען) אלע בעשטעלונגען ווערען ערפילט „שנעל און פונקטליך גוט און ביליג".

קארטא פאלעסטינא.

דיזע קארטע ענטהאלט: אללע שטעדט, שטעדלעך, טייכען, טייכלעך, אלע אלטע און נייע קאלאניעס, צייגט אן: די גרענעצען פון די שבטים, וויפיעל מענשען יעדע קאלאניע האט און וויפיעל ערד יעדע קאלאניע בעזיצט א. ד. ג. דיזע קארטע איז פראכטפאל שען געדרוקט אין 8 שענע פארבען. פרייז 40 קאפ. סוחרים און ציוניסטישע-פעראיינע בעקומען גרויסען ראבאט, (וועניגער פון 5 קארטעס ווערען מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט).

233 אדרעססע: 12 10

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ.

לעזט און הערט דעם אמת!!

אלע אנאנסירטע ברוכבענדער מיט עלעקטריע היילען נישט אויס קיין שום ברוך. דאס גוטינקייט פון איינען ברוכבאנד איז נור ער זאל פעסט איינהאלטען דעם ברוך און נישט דריקען דעם קערפער.

זאלכע פערפערטיגט אין אייגענער פאבריק וועלכע איז בעעהרט געווארען מיט מעדאילע פון דער דאקטארסקע אויסשטעלונג

Д. Мошковскій, Варшава
Налевки № 37
(135) 50—27

ראזירען אהנע מעססער!!!

מיינע אנטיסעפטישע ראזיר-פודער איז דאס בעסטע דער וועלט פיר הערען אויך פיר דאמען. אין איין פאאר מינוטען קאנן יעדער מענש זיך זעלבסט אהנע מעססער ראזירען, דיא האארע פאלען אויס אונד די הויט ווירד זויבער און וויים. מיין פודער איז וויים, שמעקט וויא פארפום-זייפע, אונד איז פאן דעם בעלגישען שטאאטס-לאבאראטאריום אונד גראסען ערצטען אלס אונשאדליך גאראנטירט

איינע שאכטעל פראנקא קאסטעט 2 50 פראנק, 2.40 קראנען, 2 מארק, 2 שיללינג, 1 רובל. 3 שאכטעל 2 רובל 12 שאכטעלן 5 רובל. 24 שאכטעלן 8 רוב. געלד מוז מאן פאראוים איינשיקען פער נאכנאהמע, ווירד נישט געשיקט

J. B. Sakolsky, Wolf-Str. Nr. 2
Antwerpen (Belgien).

ספר חדש הנכבד ללומדי הספרות הרוסית!!

СОТРУДНИКЪ ГИМНАЗИСТА.

Пособіе при изученіи русской словесности образцы и планы литературнаго характера. Цѣна 1 руб., во всѣхъ книжн. торговляхъ. Складъ изданія. Типографія І. ЛУРЬЕ С.-Петербургъ Гороховая ул. 48. 3—2

Paryzkie nowe modele
rekomenduje znany magazyn
Okryć damskich, wierzchów do futer i kostjumów
D. Borodowski, Warszawa, Leszno 9 m. 4.
Na żądanie wykonywam wszelkie obstalunki
w 24 godzin.
(148) 25—16